STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01762

YAAKOV SHATSKI TSUM ONDENK

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Marshall Philip & Sabina Primack
in honor of
Linda & Harry Shapiro

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב שאַצקי

צום אָנדענק

רעדאַקציע־קאָלעגיע
פּיליפּ פרידמאַן, אַלעקסאַנדער העריק, יוסף ל. ליכטען

קלוב פון פּוילישע יידן
ניו־יאָרק
1957

א י נ ה אַ ל ט

ערשטער טייל (אין יידיש)

אַריינפיר — מאַקסימיליאַן פרידע 7

שלמה ביקל: **די דראַמע פון יעקב שאַצקי** 9

יעקב פאַט: **ביים קבר פון יעקב שאַצקי** 18

יוסף אַפּאַטאַשו: **„מזרח־בלומען"** 23

נ. ב. מינקאָוו: **אין נעפּל פון קינדהייט** 30

משה שטאַרקמאַן: **שאַצקי — דער פאָרשער און לערער** 38

לייבוש לעהרער: **יעקב שאַצקי — דער מענטש און זיין סביבה** 43

פיליפּ פרידמאַן: **דער היסטאָריקער פון פּוילישן יידנטום** 52

ישעיה טרונק: **ד"ר שאַצקיס צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און זיינע פּאָליטישע באַוועגונגען** 60

שמואל מאַרגאַשעס: **יעקב שאַצקי — מיין היסטאָריקער** 67

צווייטער טייל (אין פּויליש)

אַריינפיר־וואָרט — מאַקסימיליאַן פרידע 11

אַלעקסאַנדער האַפטקאַ: **יעקב שאַצקיס לעבן און ווערק** 13

יצחק שווארצבארט: **זכרונות ביים קבר פון ד"ר יעקב שאַצקי** 24

יוסף ליכטען: **אַ ייד פון וואַרשע** 32

אַלפרעד בערלשטיין: **דער ביבליאָטעקאַר און דער פאָרשער** 41

אַלעקסאַנדער הערץ: **שאַצקי — דער ביכערמענטש** 47

מתתיהו פרידע: **שאַצקיס שטודיעס וועגן ברוך שפּינאָזאַ** 52





אַרײַנפֿיר

יעקב שאַצקי האָט פֿאַרנומען אַ באַזונדער וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם אַמעריקאַנער יידנטום פֿון פּוילישן אָפּשטאַם און זיין פּריצייטיקער טויט איז פֿאַר אונדז אַ גרויסער און שמערצלעכער פֿאַרלוסט. במשך פֿון די 34 יאָר וואָס ער האָט געלעבט און גע־ווירקט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט ער געוואונען די אָנער־קענונג מצד דעם יידישן ציבור אין אַמעריקע ווי אַ וויסנשאַפֿטלער און פֿאָרשער פֿון אויסערגעוויינטלעכע פֿעאיקייטן אויף אַ סך גע־ביטן. אין דער ערשטער ריי האָט זיך אָבער יעקב שאַצקי קונה שם געווען ווי אַ פּילזייטיקער באַגאַבטער היסטאָריקער, בפֿרט מיט זיינע אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון יידישער געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע און ספּעציעל אין פּוילן. די פּוילישע יידן, ניט נאָר אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָר אויך איבער דער גאָרער וועלט, האָבן אים געקענט און געשאַצט ווי אַ היסטאָריקער און ווי אַ מסירת־נפֿשדיקן פֿאָרשער פֿון יידישן עבר. עס האָבן אים גוט געקענט און געאַכטעט די ברייטע יידישע לייענער־קרייזן פֿון פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן וואָס פֿון זיי איז ליידער שוין היינט נישט פֿאַרבליבן מער ווי אַ זכר לחורבן.

מיט די פּוילישע יידן אין אַמעריקע איז יעקב שאַצקי געווען פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן ניט נאָר דורך זיינע היסטאָרישע פֿאָר־שונגען. ביז צו דעם לעצטן מאָמענט פֿון זיין לעבן האָט ער געהאַט מיט זיי גאָר האַרציקע באַציאונגען. הגם ער האָט שוין געהאַט געלעבט איבער דריי צענדלינג יאָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט ער גאָרנישט אָנגעוואוירן פֿון זיין פּויליש־יידישער קולטו־רעלער ירושה, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט זי כסדר באַרייכערט.

ער איז געווען אַ פריינד פון „קלוב פון פוילישע יידן" אין ניו־יאָרק און ער האָט אָפט געהאַלטן דאָרט לעקציעס. ער איז אונדז געוואָרן נאָענט און אָפט פאַרבראַכט אין אונדזער סביבה. דעריבער האַלטן מיר עס טאַקע פאַר אונדזער טרויעריקן אָבער זייער בכבודיקן חוב אַרויסצוגעבן אָט דעם איצטיקן זאַמלבוך מיט אַרבעטן וועגן יעקב שאַצקי פון זיינע פריינד, כדי צו פאַרהייליקן זיין אָנדענק און כדי אַרויסצוברענגען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קולטור.

איינע פון די הויפט־אויפגאַבעס פונעם „קלוב פון פוילישע יידן" איז אָפּצוהיטן די שיינע דערהויבענע טראַדיציעס פון פוילישן יידנטום. מיר האַלטן פאַר אונדזער הייליקן חוב איבערצוגעבן די דאָזיקע טראַדיציעס און קולטור־ווערטן די קומענדיקע דורות. יעקב שאַצקי איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע גייסטיקע כוחות וואָס האָבן ממשיך געווען די דאָזיקע טראַדיציעס און געשטאַנען אויף דער וואַך אָפּצוהיטן די דאָזיקע קולטור־אוצרות. מיר גלייבן, אַז דורכן אַרויסגעבן דעם איצטיקן זאַמלבוך וועלן מיר דערפילן, ווייניקסטנס אין אַ קליינער מאָס, איינע פון אונדזערע וויכטיקע און דרינגענדיקע אויפגאַבעס און גלייכצייטיק וועלן מיר מיט דעם ברענגען אַ צושטייער צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון יעקב שאַצקי.

צום סוף וויל איך נאָך האַרציק באַדאַנקען אַלע אונדזערע מחברים פאַר זייערע אַרטיקלען און פאַר זייער פריינדלעכער באַציאונג צו אונדזער פּראָיעקט. אָן זייער ווילקער מיטאַרבעט וואָלטן מיר נישט געווען ביכולת אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן זאַמלבוך.

מאַקסימיליאַן פרידע

שלמה ביקל

די דראַמע פון יעקב שאַצקי

אַז יעקב שאַצקי איז געווען איינער פון די סאַמע פילזייטיקסטע שרײַבער און געלערנטע אין אונדזער יידיש־וועלט — דערצו האָט מען נישט באַדאַרפט קיין באַזונדער קריטיש אויג דאָס צו זען און צו דערזען.

ס׳איז, דאַכט זיך, נישט פאַראַן קיין קולטור־געביט ביי אונדז וואו שאַצקי זאָל נישט געווען זיין מער אָדער ווייניקער אין דער היים מיט זיין געשריבענעם און גערעדטן וואָרט.

קודם איז די דאָזיקע פילזייטיקייט געקומען צום אויסדרוק אויף שאַצקיס סאַמע אייגענסטן געביט — אויפן פעלד פון געשיכטע. אַריינגעטאָן אין דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן, אַריינגעטאָן אין דער אויספאָרשונג פון אַזוי פיל צייט־ווינקלען און גע־שטאַלטן פון דער יידיש־פוילישער געשיכטע, האָט שאַצקי, דער היסטאָריקער, ממש געגליט מיט פאָרשערישער נייגעריקייט אויך צו געוויסע אָפּשניטן פון דער יידישער היסטאָריע אין האָלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער.

דר. שאַצקי האָט לייכט אַריבערגעשפּאַנט געאָגראַפישע גרענעצן אין דער יידישער געשיכט־פאָרשונג, הגם די וויכטיקסטע היס־טאָרישע ווערק, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט (דריי בענד „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע״, „יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פוילן פון 1806 ביז 1866״, „אין שאָטן פון עבר״, „קולטור־געשיכ־טע פון דער השכלה אין ליטע״) באַווייזן, אַז זיין היסטאָריאָגראַפי־שער הויפּט־אינטערעס איז געווען דאָס יידישע לעבן אין פוילן און

דער עיקרשט די לעצטע צוויי הונדערט יאָר פון דעם דאָזיקן יידישן לעבן אויף דער ערד פון מאַידאַנעק.

דער היסטאָריקער שאַצקי האָט מיט ניט וויניקער לייכטקייט אַריבערגעשפּרייזט אויף די גרענעץ פון געשיכט־שרייבונג גופא, און איז געוואָרן אַ תושב אין נאָענטן אויסלאַנד פון ליטעראַטור־קריטיק און פון פאָלקלאָר און טעאַטער־פאָרשונג.

און פון דעם נאָענטן אויסלאַנד פון יידישער ליטעראַטור־קריטיק און טעאַטער־פאָרשונג איז שאַצקין ניט אָנגעקומען שווער צו מאַכן נסיעות אויך אין ווייטערע גייסטיקע מקומות ווי, למשל, צו שפּינאָזעס פילאָזאָפיע, צו פרוידס פּסיכאָאַנאַליטיק און צו דער פּסיכיאַטרישער וויסנשאַפט.

וואָס שייך שפּינאָזעס פילאָזאָפיע איז שאַצקי מיט זיין ביאָגראַפישן בוך „שפּינאָזע און זיין סביבה" געבליבן שטיין אין פּיר־הויז פון דער שפּינאָזע־פאָרשונג. ער איז ווייטער אויף דעם געביט נישט געגאַנגען.

אָבער וואָס אָנבאַטרעפט פּסיכיאַטרע און פרוידיזם זיינען שאַצקיס דערגרייכונגען, סיי די וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזאַטאָרישע און סיי אַפילו די וויסנשאַפטלעכע גופא, געווען אָן אַן ערך גרעסערע. וויסנשאַפטלעך גופא איז שאַצקי געווען דער מ י ט ־ מחבר פון אַ פּסיכיאַטרישן ווערטער־בוך אויף ענגליש (צוויי אויפלאַגעס: 1950 און 1953), און וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזאַטאָריש האָט שאַצקי פּאַקטיש אויפגעבויט די ביבליאָטעק פונעם ניו־יאָרקער שטאַטלעך־פּסיכיאַטרישן אינסטיטוט, האָט זי באַרימט געמאַכט מיט איר פרויד־זאַמלונג און מיט דער דאָ אַנומלט אָפּגעהאַלטענער אינטערנאַציאָנאַלער פייערונג צו פרוידס הונדערטסטן געבוירנטאָג.

איך דערמאָן דאָ שאַצקיס אויפטוען אַרום דער פּסיכיאַטרישער און אַרום דער פרויד־וויסנשאַפט, הגם די דאָזיקע געביטן ליגן מחוץ די גרענעצן פון מיין שאַצקי־בילד און, ווי מיר דאַכט, אויך מחוץ פון שאַצקיס אויטאָ־פאָרטרעטירונג און זעלבסט־אָפּשאַצונג.

וואָרום ניט בלויז איז שאַצקיס אינטערעס אין דער אַרבעט ביים ניו־יאָרקער פּסיכיאַטרישן אינסטיטוט נישט געווען קיין אָרגאַנישער, נאָר איך, און איך גלויב, אַז באַגלייך מיט מיר אַלע וואָס

האָבן שאַצקין נענטער געקענט, האָבן געהאַט דעם פעסטן איינ־דרוק, אַז ס׳איז אין אים פאַראַן אַ רוגזהדיקע אַנגעצויגנקייט צו דער דאָזיקער אַרבעט, שוין מחמת דעם אַליין, וואָס ער האָט צוליב איר נישט געקענט אָפּגעבן דעם גאַנצן פלייס פון זיינע אַכצן שעה עבודה אין מעת־לעת צו דער סאַמע טיפסטער פאַראינטערעסירט־קייט זיינער — צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן.

אויב איך האָב זיך פונדעסטוועגן דאָך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן שאַצקי־מאָמענט, מחוץ פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע און מחוץ פון יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, איז דאָס דער־פאַר, ווייל דער מאָמענט איז אפשר, צווישן אַ סך אַנדערע, דער בולטסטער באַווייז פון שאַצקיס גוואַלדאָוונער גייסטיקער צופּאַ־סונגס־פייאיקייט, וואָס איר מקור איז, ווי איך גלויב, געווען דאָס סאַמע יידישסטע אין שאַצקיס געמיט, איך מיין, זיין אויסנעמלעכע, ליידנשאַפטלעכע ליבשאַפט צום בוך, צו יעדן געלייענטן און צו יעדן מיטן אויג אויפגעכאַפּטן בלעטל פון בוך און צו יעדן חידושדיקן פאַקט און טרעפלעכן וואָרט, וואָס ער האָט דאָרט אויס־געפונען, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ער האָט דאָרט דערשמעקט מיט זיין באַזונדערן, דין־פאַרשפּיצטן חוש פאַר ביכער און פאַר דאָקומענטן און פאַרן תוכן און פאַר איינצלנע שורות אין די דאָ־זיקע דאָקומענטן און ביכער.

קיינמאָל האָב איך שאַצקין ניט געזען אַזוי פול מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, ווי דעמאָלט ווען ער האָט געבלעטערט אַ ספר און האָט אויפגעכאַפּט מיטן אויג און האָט דערשמעקט מיט דער נאָז חידושים, אָדער ווען ער האָט דערציילט וועגן גוטע זאַגענישן וואָס ער האָט געהערט אָדער וועגן נייע פאַקטן וואָס ער האָט אויסגעפונען ערגעץ אין דער פאַרבאַרגעניש פון אַ בוך אָדער אַ שמה (שיימע).

שאַצקי האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן. אויף דריי פון זיי האָט ער גערעדט און געשריבן (פויליש, יידיש, ענגליש). אָבער אויך דעמאָלט ווען ער האָט געלייענט אַ בוך אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אים געווען פרעמד, האָט ערגעצוואו געאַרבעט זיין פאַרבאָרגענער,

אַ סך מאָל אומהיימלעכער חוש, אויסצוגעפינען און צו דערשמעקן חידושים.

אומהיימלעך איז דאָס דערעיקרשט געווען דערפאַר, ווייל שאַצקי האָט לייענענדיק דאָס פרעמד־שפּראַכיקע בוך אָפּט בפירוש טאַקע געגלויבט, אַז ער קען דאָס לשון, וואָס איז אים אַבסאָלוט געווען פרעמד.

ער האָט דערין געגלויבט און האָט עס אויך גאַנץ תמימותדיק געזאָגט, ווייל די להוטקייט צו קענען נאָך אַ שפּראַך, די להוטקייט צו אַנטדעקן עפּעס נייעס פון אַ פרעמדן מקור, האָט אים אַזוי ספּאָנטאַן צונויפגעחברט מיט די בלעטלעך וואָס ער האָט גע־לייענט, אַז ער האָט נישט געקענט טראַכטן, אַז ער לייענט דאָס בוך און הערט די שפּראַך צום ערשטן מאָל.

שאַצקיס ענטוזיאַזם פאַר אַן אויסגעפונענעם נייעם פאַקט און פאַר אַן אַקאָרשט געהערטן טרעפלעכן וואָרט און גוטער זאָגעניש האָבן פאַר אַלעמען געהאַט זייער יסוד אין שאַצקיס גרויסן יראת הכבוד פאַר די אויפטוען פונעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. מער באַגייסטערונג פאַר דער ראַציאָ, פאַר וויסן, פאַר דער „השכלה בת השמים״ איז מיר אין מיינע באַוואוסטזיניקע יאָרן פון מענטשן־קענטשאַפט זעלטן ווען אַנטקעגן געקומען.

ווען שאַצקי האָט דערציילט וועגן עפּעס אַ חידוש, אַנהויבנדיק, לאָמיר זאָגן, פון אַ היסטאָרישן חידוש פון זיין באַרימטן פּויליש־יידישן פּראָפעסאָר שמעון אשכנזי, אָדער וועגן די גאָונישע אַנט־דעקונגען פון זיגמונד פרויד און וועגן די אַלע טעאָרעטישע און ביאָגראַפישע נייקייטן, וואָס ס׳האָט איבערגעגעבן פרוידס ענג־לישער תלמיד, דר. דזשאָנס, און ענדיקנדיק ביי סתם עפּעס אַ טרעפלעך וואָרט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געלייענט, געהערט אָדער אַליין זיך דערטראַכט דערצו — האָט אין זיין דערציילונג מיט־גערעדט מיט אויסרוף־צייכנס די באַגייסטערונג, וואָס האָט, ווי געטענהט: מאַכט אַ וואָרע פאַר דעם אינטעלעקט, מאַכט אַ וואָרע פאַרן מענטשנס וויסן, פאַר דער וויסנשאַפט. זיי זיינען דאָס ליכט פון דער וועלט און זיי זיינען דער זין פון מענטשנס לעבן.

**
*

בדרך כלל איז יעקב שאַצקי אין זיין היסטאָריאָגראַפיע געווען מער תלמיד פון שמעון דובנאָוון, ווי פון היינריך גרעצן. אָבער על־פּי געמיט האָט ער זיך זיכער מער אָנגעקערט מיט דעם ערשטן קלאַסיקער פון אונדזער מאָדערנער געשיכט־שרייבונג, מיט היינריך גרעצן.

ווי היינריך גרעץ איז אויך יעקב שאַצקי על־פּי נשמהדיקן איינשטעל און על־פּי היסטאָריאָגראַפישער מעטאָדע אַ העלדן־באַוואונדערער. ווי היינריך גרעץ פּרוּוווט אָפט יעקב שאַצקי צו שילדערן צייט און אַטמאָספערע פון צייט דורך ביאָגראַפישער קאָנצענטרירונג אויף אַ צענטראַלער און אַמאָל אויך אויף אַ זייטיקער פּערזענלעכקייט.

מיר רעדן דאָ נישט וועגן דעם „ווי אַזוי" פון העלדן־געשטאַל־טיקונג, וואָרום היינריך גרעץ איז עד היום דער נישט־איבער־געטראָפענער קינסטלער פון אונדזער געשיכט־שרייבונג. גרעצס פּאָרטרעטיסטישער שוואונג און גרעצס אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער פּאַטאָס זיינען ביז אויפן היינטיקן טאָג אָן אַ גלייכן ביי אונדז.

דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם „וואָס" פון דעם העראָען־קולט, ביי וועלכן שאַצקי ווייזט אַרויס אַ געוויסע ענלעכקייט צו גרעצן.

די ענלעכקייט איז פאַראַן אויף דעם צייט־אָפּשניט פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. אויף דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט איז דער אידייאישער דובנאָוויסט, שאַצקי, אין תוך אַ פאַרערער פון דער השכלה בת השמים ווי היינריך גרעץ.

די השכלה־פאַרערונג הויבט זיך אָן פון יענער וויכטיקער ביאָגראַפישער איבערלעבעניש, ווען שאַצקי, דער וואַרשעווער ביורא־אָנגעשטעלטער, ווערט דורך אַ צופאַל, וואָס קיין בעסערן האָבן די השכלה־ראָמאַנען נישט געקענט צוטראַכטן, אַוועקגע־שיקט קיין קראָקע שטודירן. דער סטיפּענדיע־געבער איז געווען אַן אידעאַליסטישער אַסימילאַציע־ייד, וואָס האָט געוואָלט אַרויס־הויבן באַגאַבטע יידישע יונגעלייט פון דער „פינסטערניש" און זיי צופירן צום ליכט פון דער וועלט, כדי זיי זאָלן עס פון דאָרט צוריקברענגען צו דער „פינסטערער" יידישער גאַס.

דר. שאַצקי איז זיין לעבן־לאַנג, פאַרשטייט זיך, געווען אַ באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער ייד, אָבער דער גייסט פון דער סטיפּענדיע, וואָס האָט אים אַוועקגעשיקט צו ליכט פון וויסן קיין קראָקע און דערנאָך צו העכערע היסטאָרישע שטודיעס אין וואַר־שע ביי די פּראָפעסאָרן שמעון אשכנזי און מאַרצעלי האַנדעלסמאַן, האָט זיך אין שאַצקיס געמיט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן. פאַר־קערט, אָט דער גייסט האָט געטליעט אין שאַצקיס געמיט איבער דער גאַנצער לענג פון זיין שעפערישער אַרבעט ווי אַ היסטאָרי־קער, ווי אַ לעקטאָר און ווי אַ טעאַטער־און פאָלקלאָר־פאָרשער.

ערגעצוואו האָט אין שאַצקין געוואָרצלט אַ זיכערקייט, אַז די וואָרע אינטעלעקטועלע קריטיק און די אמת־אָביעקטיווע וויסנ־שאַפט, די דאָזיקע וויסנשאַפט, וואָס מאַקס וועבער האָט זי פאָר־מולירט אין דעם זאַץ: „זי שאַצט נישט, נאָר זי אַנאַליזירט״, און שאַצקי האָט די דאָזיקע פאָרמולע אַזוי גערן ציטירט — ערגעצ־וואו, זאָג איך, האָט אין שאַצקין געפלעמלט אַ זיכערקייט, אַז דעם אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן אמת דאַרף מען זוכן אויף יענער זייט גדר פון יידישע מקורים און פון יידישן לעבן.

אויף דער ליניע פון אָט דעם צוטרוי צום ליכט וואָס אויף יענער זייט גדר, כ׳מיין אויף דער ליניע פון זיין משכילישקייט איז געלעגן שאַצקיס אַזוי אָפט איבערגעחזרטע קעגנערשאַפט צו „אהבת־ישראל״ און שאַצקיס היפּשע פאַרגלויבטקייט אין נישט־יידישע היסטאָרישע קוועלן און עדותשאַפטן.

פון יענעם געמיט וואַקסט אויך אַרויס דער סאָציאַל־פּראָקוראָ־טאָרישער פייער, וואָס פלאַקערט מיט אַ באַזונדערער אינטענ־סיווקייט אין איינער פון שאַצקיס, פון שטאַנדפּונקט פון אַרכי־טעקטאָנישן אויסבוי, סאַמע בעסטע היסטאָרישע אַרבעטן, כ׳מיין, דעם היסטאָריש־קריטישן אַריינפיר זיינעם צו ר׳ נתן נטע האַנאָ־ווער׳ס כראָניק פון די כמעלניצקי צייטן. נאָקעט און הייס איז די סאָציאַלע טענה וואָס שאַצקי לייגט דאָרט אויס קעגן דעם רייכן יידישן בירגער־שטאַנד. זי לאָזט נישט אויס קיין איין נישט־יידישן מקור און איז היפּער־קריטיש צו יידישע קוועלן און

שטערט נישט איינמאָל דאָס יידישע געמיט און אודאי אונדזער יידיש געמיט פון נאָך מאַידאַנעק.

אָבער אַט דעם השכלה־געמיט, אַט דעם ליכט־פאַרשפּרייטערישן איינשטעל צום יידישן לעבן, האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען די גרויסע פאַרדינסטן פון שאַצקין, דעם לערער און לעקטאָר.

שאַצקי איז נישט בלויז געווען פון נאַטור אַן אויסגעצייכנטער און אַלעמאָל אינטערעסאַנטער לעקטאָר אויף היסטאָרישע און אויף ליטעראַרישע טעמעס, נאָר אין זיינע לעקציעס איז אַלעמאָל אויך געקומען צום אויסדרוק דער זיג פון „ליכט איבער פינס־טערניש", דער געדאַנק וועגן דעם אידעאַל פון וויסן און וועגן דער גרויס־אויפטועדישקייט פון דעם אינטעלעקט פאַר דער באַזינונג און פאַרשענערונג פון יידישן לעבן.

* *
*

ווען איך וויקל דורך אין קאָפּ שאַצקיס היסטאָרישע ווערק, די צענדליקער נישט אויפגעזאַמלטע עסייען זיינע וואָס איך האָב געלייענט, און נישט צולעצט די זיבעצן יאָר פון היפש נאָענטער פערזענלעכער באַקענטשאַפט מיט שאַצקין, קומט מיר אויס, אַז דער גרויסער מאָמענט פון האַרמאָניע אין אים איז געווען זיין טיפע באַגייסטערונג פאַר אינטעלעקט און זיין טיפישער גלויבן אין דער פּאָטענציעלער אויפטועדישקייט פון דעם מענטשנס קריטישן פאַרשטאַנד.

וואָרום אַט דער גרויסער חסיד פון שכל און אָביעקטיווקייט וואָס איז געווען יעקב שאַצקי, איז אין תוך, און נישט בלויז אין תוך, נאָר שוין פון סאַמע אויבנאויף געווען אַ שטאַרק עמאָציאָנעלער מענטש, וואָס וויבאַלד ער האָט נאָר אויף איין רגע צייט פאַרלאָזט זיין אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע, האָט ער זיך פריי געטראָגן אויף די כוואַליעס פון עמאָציע.

אַז דער פּערמאַנענטער השגחה פון דער אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע, אַן דער שטענדיקער וואַך פון זיין גלויבן אין דער ראַציאָ, איז שאַצקי געווען אַ געפאַנגענער ביי זיינע עמאָציעס און איז נישט געווען בכוח צו הערשן איבער זיי.

אַ דאַנק אָט דער, נישט אַזוי אינטעלעקטועלישקייט, נאָר, ווי געזאָגט, אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע, האָט דער אין תוך טיף טרויע־ריקער און פון טויט־אַנגסטן געפּלאָנטער יידישער מתמיד פון פּוילן געקענט בייקומען אין זיך זיינע שטימונגען מיט דער הילף פון אַ שטענדיקער גרייטקייט צו וואָרט־שפּילן און צו אַנעקדאָטיק, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן דערפירט צו אמתער ווירטואָזיטעט.

ער האָט פאַרמאָגט, שאַצקי, אַ זייער סאָלידן כוח פון אַנאַליז און האָט געקענט אָנהאַלטן אויך אין דער קלענסטער און זייטיקסטער עסיי אַ קילע דיסטאַנץ צו פאַקטן. אָבער ער האָט אויך געקענט לייכט אַריינפאַלן אין התפעלות און אָנווערן די קריטישע מאָס, וויבאַלד עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען גיט נישט אָפּ געניג כבוד דער ראַציאָ, דעם אינטעלעקט און דער ווּיסנשאַפט.

דוקא אין קאַמף פאַרן האָנאָר פונעם אינטעלעקט האָט זיך געטראָפן, אַז שאַצקי איז ווי פאַרטרונקען געוואָרן אין עמאָציעס.

צום געדאַנק, צו דער קריטיק און צו אינטעלעקטועלער באַהערשטקייט האָט שאַצקין צוריקגעבראַכט זיין אַלעמאָל פון דאָס־ניי דערוואַכטער און מיט מינימאַלע הפסקות אַלעמאָל וואַכער גלויבן אין אינטעלעקט — זיין אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע.

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען אָט די דראַמע פון שאַצקין, דעם ראַציאָ־פאַרערער אויף די צעברויזטע כוואַליעס פון אייגענער עמאָציאָנעלישקייט, ווייל איך ווייס, אַז מיין גוטער, אַזוי פריצייטיק און אַזוי אומגעריכט פאַרשטאָרבענער, נאָענטער פריינט יעקב שאַצקי, וואָלט זיכער געוואָלט, אַז מ׳זאָל וועגן אים שרייבן מיט וואָס מער ראַציאָ און וואָס ווייניקער עמאָציע און אַז דער שבח, פון וועלכן ער וואָלט צוממייסט הנאה געהאַט איז, אַז זיין גרויסע פאַרש־אַרבעט און זיינע וויכטיקע היסטאָרישע ווערק זאָגן עדות אויף אַן אַנטשיידנדיקן נצחון פון זיין אינטעלעקט.

S. Bickel

THE DRAMA OF SHATZKY'S LIFE

Although Polish Jewry of the past two centuries was central to Shatzky the historian, he was hardly limited to this field of study. Nor, likewise, did his creativity stop at historiography. His work embraced literary criticism, philosophy and psychoanalysis. Notwithstanding his great contributions to the latter field—in co-editing the *Psychiatric Dictionary* and in organizing one of the foremost psychiatric libraries—one could detect some tension in his feelings about this area. For did it not prevent him from giving all of his 18-hour workday to his great love, the history of Polish Jewry?

Yet it was precisely this work—outside the Jewish field—which reveals his most Jewish aspect: the love for the book, for the product of the intellect. I have rarely met one who so profoundedly respected the achievements of the human mind, whose enthusiasm for even the smallest advance of the intellect was so great.

Shatzky was much more a follower of Dubnow than of Graetz. Yet he shared the latter's tendency to see history revealed through the biography of great figures. Shatzky was an ardent devotee of the Enlightenment. Though a Jewish nationalist, there lay buried deeply in him a suspicion of Judophilia, a feeling that objective truth was to be found somewhere in non-Jewish sources. He insisted on focusing the light of truth on Jewish life. This, and not only his oratorical capacities, made him such a successful lecturer too.

It was his belief in rationality, in the ideology of the intellect, that was the source of harmony in his life. For Shatzky was a man of great emotion, held in check only by this ideology. Often his defense of the intellect, the scientific, became hotly emotional. But his recovery was rapid, and he would again enter upon scientific, critical thinking.

I have dwelt on this drama of Shatzky's life, for he would prefer such an objective analysis.

יעקב פּאַט

ביים קבר פון יעקב שאַצקי

איך האָב די טרויעריקע אויפגאַבע זיך צו זעגענען מיטן נפטר אין נאָמען פון אייניקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און ליטעראַטור־אינסטיטוציעס, מיט וועלכע ער איז געווען אַקטיוו פאַרבונדן — אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, „צוקונפט״, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, „ציקאָ״, יידישע ענציקלאָפּעדיע.

ער איז נאָך געווען אינמיטן פון זיינע יאָרן. זיין אַרבעטס־נאַטור, זיין שעפערישע דינאַמישקייט, זיין דערפינדערישקייט, די פאַרשיידנקייט פון זיינע אַרבעטס־געביטן, זיין ענערגיע איז געווען פון אַזאַ מין, וואָס ניט שייך צו זאָגן ער איז נפטר געוואָרן, אַוועקגעגאַנגען. ניין, ער איז צוגעכאַפּט געוואָרן, און דער אָרט אַרום און אַרום איז געוואָרן ליידיק. נעמט דאָך גאָט צו — אַזוי דערציילט די מעשה — זיינע ליבסטע ווען זיי זיינען נאָך יונג.

מען האָט געפּרוּאווט אָנרופן די וויכטיקסטע פון זיינע אַרבעטן און דערגרייכונגען — די ביכער, וואָס ער האָט געשריבן, — די מאָנאָגראַפיעס, אָפּהאַנדלונגען, עסייען, די קריטישע אַרטיקלען, היסטאָרישע סקיצן, — זיין אַרבעט אין ייוו״אָ, זיין אַרבעט ביים לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, זיינע דיסערטאַציעס וועגן דער יידן־פראַגע, זיינע קולטור־מיסיעס אין פאַרשיידענע לענדער, זיינע שריפטן, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, זיינע לער־ערשע און לעקטאָרשע אַרבעטן, זיינע נייע אידייען און פּראָיעקטן. דאָס אַלץ איז נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער שעפערישער פאַרמעגן פון ד״ר. יעקב שאַצקי. אַז די דאָזיקע וואונדערלעכע שעפערישע שפּרודל־

קייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, אַז עס איז שטיל געוואָרן אַרום זיין שרייבטיש, דערפילן מיר מיט אַזאַ ווייטאָג די ליידיקייט און שטילקייט אַרום.

די משפחה שאַצקי האָט געוואָרצלט אין פיר שטעט: ביאַליסטאָק, לאָדזש, וואַרשע און ניו־יאָרק. וואַרשע איז ניט געווען קיין געבוירן־צופאַל. ער איז דאָרט געווען איינגעוואָרצלט, פאַרבונדן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פוילן, מיט איר קולטור — סיי מיט די יערוזאַלימסקע אַלייען און סיי מיט דער גזשיבאָווסקע. ניו־יאָרק איז אויך ניט געווען קיין אימיגראַציע־צופאַל. ניו־יאָרק איז געווען אין שאַצקיס לעבן און שאַפן ניט ווייניקער וויכטיק ווי וואַרשע. עס איז געוואָרן איינס, איין גאַנצע, איינהייטלעכע יידישע וועלט. דוקא אויפן ניו־יאָרקער באָדן האָט דר. יעקב שאַצקי דערגרייכט צו זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען. אין ניו־יאָרק האָט ער אויפגעבויט זיין גרעסטן מאָנומענט — די דריי בענדער „יידן אין וואַרשע". ער האָט געאַרבעט אויפן פערטן באַנד און נאָך ניט פאַרענדיקט.

אין די דריי בענדער „יידן אין וואַרשע" האָט ער אַריינגעלייגט אַלע זיינע טאַלאַנטן און כחות, דעם גאַנצן אימפעט זיינעם. עס האָבן אין זיין נשמה געפיבערט דורות פוילישע יידן, מיליאָנען קדושים. ער האָט זיך גענומען בויען זיין מאָנומענט פאַר די יידן אין וואַרשע ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ידיעות וועגן די קאַלך־אויוונס אין טרעבלינקע און מאַידאַנעק. וואָס פינצטערער עס זיינען געווען די ידיעות פון פוילישן יאָמער־טאָל, אַלץ פיבער־דיקער איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט ביי שאַצקיס שרייבטיש, אַזוי ווי די שכינה פון טויזנט יאָר יידן אין פוילן וואָלט געשוועבט איבער אים. ערשט איצט וועלן מיר דערזען ווי הויך עס איז דער דענקמאָל, וואָס ער האָט אויפגעבויט.

ניטאָ קיין פאַרגלייך צו זיין דערמאָנטער מאָנומענטאַלער אַר־בעט. ער איז אַריין מיט אונדז צוזאַמען אין וואַרשע מיט קאָפּ, לייב און לעבן שוין אין יאָר 1241, ווען וואַרשע איז נאָך געווען אַ דאָרף, ווען זי איז געוואָרן דאָס הויפּט־שטעטל פון מאַזאָוויע. ער איז אויך אַריין אַהין מיט די ערשטע יידן. ער איז דאָרטן

געווען אויפן וואַרשעווער מאַרק־פּלאַץ, וואו עס פלעגט זיך באַ־וויזן דער הענקער, וואָס פלעגט פאַרן פּרייז פון טויזנט גילדן אַראָפּהאַקן אַ קאָפּ פון אַן אַפּיקורס און פאַר אַכט גילדן פאַר־ברענען טריפה מאַנוסקריפּטן. ער איז דאָרטן געווען אין יענע צייטן, ווען דער יידישער ישוב האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן, אַמאָל־אַמאָל, ווי ער שרייבט — „אין נעפּל פון יאָרהונדערטער״. ער האָט דורכגעמאַכט, צוזאַמען מיט זיינע לייענער, די עקספּאַנסיע פון די יידן אין פּוילן, זייער באַטייליקונג אין די אויפשטאַנדן, זייער מיטלעבן, מיטמאַכן די געשעעענישן פון לאַנד, זייערע סאָ־ציאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען.

דר. יעקב שאַצקי האָט ניט געזען די וואַרשעווער יידן פאַר־רוקטע אין געטאָ־געסלעך. ער האָט זיי געזען אַקטיוו, שעפעריש, ליידנדיק און קעמפנדיק. ער האָט געזען די וואַרשעווער ראשי הקהילה זיצנדיק פאַרשפאַרט נאָכן אויפשטאַנד פון 1831, וואַרטנ־דיק, אַז גענעראַל פּאַסקעוויטש זאָל זיי משפטן פאַר זייער באַ־טייליקונג אין אויפשטאַנד. ער האָט געזען די יידן אין וואַרשע אין די שפּעטערדיקע תקופות, זייערע פּאָליטישע דערגרייכונגען, זייערע קולטור־שעפערישע אויפטוען.

איך זאָג — ער האָט זיי „געזען״, ווייל דר. שאַצקי איז געווען ניט בלויז אַ כראָניקער פון דורות, אַ קולטור־פאַרצייכענער, אַ צוזאַמענשטעלער פון פאַקטן און דאַטעס. ער איז אויך געווען זייער שילדערער, זייער ליידנשאַפטלעכער מיטקעמפער.

די דורותדיקע אַלטע יידישקייט, די יידישקייט פון די ישיבות און בתי מדרשים, האָט אַרויסגעבראַכט גאונים. די נייע יידישקייט, די וועלטלעכע, האָט ערשט אָנגעהויבן אַרויסברענגען אירע גאו־נים. דער וואָלאָזשינער ראש־הישיבה האָט אַמאָל געזאָגט וועגן זיינעם אַן עלוי־תלמיד: „רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ נסים און נפלאות דו האָסט אויפגעטאָן אין קאָפּ פון בייסאגאלער ישיבה־בחור!״ די, וואָס האָבן געקענט דר. שאַצקי, האָבן באַוואונדערט זיין עלוישקייט, זיין בקיאות און חריפות, זיין שאַרפקייט און חכמה, די הונדערטער טויזנטער פאַקטן, דאַטעס, געשיכטעס, ציפערן, גלייכווערטלעך, פּינקסים, מגילות, וואָס האָבן געשווימבלט

און געגריבלט אין זיין קאָפּ. מיר האָבן אויך כסדר באַוואונדערט די נסים און נפלאות וואָס האָבן זיך אין זיין קאָפּ אָפּגעטאָן. דר. יעקב שאַצקי איז געווען אַ גאון אין בית מדרש פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור.

ער איז געקומען פון וואַרשע קיין ניו־יאָרק, און אַוועק פון דער וועלט פון די הייליקע פּוילישע ייִדן. זיינע לעצטע אַרבעטן זיינען געווען אין די ייווא״אָ־בלעטער פון פאַרגאַנגענעם יאָר. וועגן וואָס האָט ער דאָרטן געשריבן? — וועגן יזכור־ביכער פון סטוטשין, בערעזנע, קרעמענעץ, ראטנע, זשעליכאוו, ראקישאק, כעלעם, אָסטראָוו־וואָלין; שילדערונגען פון נאָענטן עבר פון גאַליציע, פון קדוש יצחק שיפּער; שילדערונגען פון ייִדישן טעאַטער אין די לאַגערן, פון דער ייִדישער קהילה אין מיעליץ. — וועגן דעם אַלעמען האָט ער געשריבן זיינע לעצטע ווערק.

ער איז מער ניטאָ, אַוועק אינמיטן זיין אַרבעט. פיינלעך פילן מיר די ליידיקייט.

J. Pat

AT THE GRAVE OF JACOB SHATZKY

Jacob Shatzky's dynamism and creativity in many fields compel us to say that he has been snatched from us, and not merely departed. Others have written of his publications in many fields, his work in various institutions, his contributions in so many areas of life. It is with the deepest pain that we sense the silence which has descended about his desk.

The Shatzky family had its roots in Bialystok, Lodz, Warsaw and New York. For Jacob Shatzky, Warsaw was no mere accident of birth: his life was deeply interwined with both Jewish and Polish Warsaw. Nor was New York a mere accident of immigration: here it was that he was able to integrate the totality of Jewish life, as expressed in his great monument, the still incomplete *History of the Jews of Warsaw.*

This monument was started at the very moment when the news of the crematoria began reaching us. The more awesome the news, the harder did Shatzky work. And we shall only now begin to appreciate the worthiness of this monument to generations of Polish Jews, to millions of martyrs.

In this work, Shatzky has experienced—and enables us to do so—the life of Warsaw and of its Jews through the long centuries of its existence. It is, as it were, as if he were present at each major moment of this life. He has not seen Warsaw Jewry passive, confined to the ghetto, but creatively, actively working and living. The word "seen" is used advisedly, for Dr. Shatzky has not been a mere fact-gatherer, a chronicler, but one who has, as it were, lived through all the struggles.

Secular Judaism has only begun to produce its geniuses akin to those of traditional Judaism. We can only marvel at the magnificence of Jacob Shatzky's mind. He came to New York from Warsaw, leaving Polish Jewry behind physically. But he did not leave their lives, as can be seen from his very last writings—about the memorial volumes to Polish Jewry, the historian Ignacy Schipper, the Yiddish theatre in the DP camps.

He is no longer. How terrible the silence.

יוסף אָפּאַטאָשו

מזרח־בלומען

דער באַרימטער יידישער שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו איז געווען זינט לאַנגע יאָרן באַפריינדעט מיט יעקב שאַצקי. אָנהייב 1940קער יאָרן האָט אָפּאַטאָשו אָנגעשריבן די נאָוועלע „מזרח־בלומען״, אין וועלכער ער האָט געשילדערט צוויי עפּיזאָדן פון שאַצקיס לעבן. ער האָט בלויז שאַצקיס נאָמען געביטן אויף לאַסקי. דער נאָמען שפּער און דער טיטל פון דעם ביכל „מזרח־בלומען״ זיינען אויטענטיש. די נאָוועלע איז אַריין אין דעם באַנד דערציילונגען וועגן פּוילן איז געפאַלן, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אין 1943. ביי דער פייערונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין 1953 לכבוד שאַצקיס 60טן געבוירן־טאָג דורך דעם קלוב „טלאָמאַצקע 13״ אין ניו־יאָרק, האָט אָפּאַטאָשו פאָרגעלייענט די נאָוועלע.

רעד.

דער ביבליאָגראַף, דאָקטאָר לאַסקי, איז געזעסן איבער אַ בוך און האָט געמאַכט נאָטיצן. דער טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אויפן שרייבטיש, האָט זיך צעקלונגען. דאָקטאָר לאַסקי האָט ווייטער געאַרבעט, ווי מען וואָלט נישט געקלונגען צו אים. און אַז ס׳גלעקל האָט נישט אָפּגעלאָזט, איז באַפאַלן דעם שרייבטיש מיט אַ בייזער און רוגזה, ווי אַ צערייצט הינטל, האָט דאָקטאָר לאַסקי, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פונעם בוך, אַ נעם געטאָן ס׳טרייבל צום אויער, ווי מען נעמט אַן אָנשיקעניש:

— האַלאָ!

— וואָס מאַכט איר, פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי?

— ווער וועט ביי אייך זיין?

— פּראָפעסאָר שפּער?

— וואָס איז ער? אַ טעאָלאָג?

— גוט, גוט, פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי, כ׳וועל קומען.

דאָקטאָר לאַסקי האָט אויפגעהאַנגען ס׳טעלעפאָן־טרייבל, אַ שאַר געטאָן פון זיך ס׳בוך און זיך גענומען רייבן די אויגן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. נישט קיין הויכער. ברייט אין די פּלייצעס. דער גרויסער קאָפּ, די געדיכטע ברוינלעכע האָר, דער טרויער אין די ברוינע אויגן — דאָס אַלץ איז געווען מער ווי שיין, ס׳איז געווען וואָגיק.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — ס׳איז געווען זעקס — און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אויף דער גאַס איז געווען שטיל. קעגנאיבער אויפן טראָטואַר, וואו ס׳איז געשטאַנען ס׳קאַ־טוילישע קלויסטערל מיט די גאָטישע שפּיצן, האָבן זיך געדרייט טויבן מיט אַ טירקלעריי.

דאָקטאָר לאַסקין, וואָס האָט געקוקט ערגעץ אין אַ פּינטל, האָט עפּעס געקווילט. ער האָט אַריינגעלאָזט זיינע צען פינגער אין דעם געדיכטן קאָפּ האָר, ווי ער וואָלט זיך געקליבן דאָרט אַ בלעטער טאָן די אָנגעפּיקעוועטע דורות. קעמערלעך־ האָבן זיך געעפנט, קעמערלעך האָבן זיך פאַרמאַכט — נישט דאָס, נישט דאָס. אַלץ אין אים האָט זיך אָנגעשטרענגט, האָט זיך אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן, ווי ס׳וואָלט נישט געגאַנגען אין דערמאָנען זיך אַ נאָמען, אַ דאַטע, נאָר אין אַרויסשלעפּן אַ וואָגן משא פון אַ בלאָטע.

דער ביבליאָגראַף האָט איין מאָל אַ שאַר געטאָן מיט די פינף פינגער איבער דער שויב, נאָך אַמאָל אַ שאַר געטאָן. אַ קעמערל איז אויפגעשפּרונגען. ס׳אָנגעשטרענגטע, מידע פּנים האָט אויפ־געלויכטן. ס׳מויל האָט זיך גענומען וואַסערן, ווי פון אַ לאָבונג. די ליפּן האָבן שטיל אַרויסגערעדט:

— שפּער.

שטיקלעך ריחות, לאַנג פֿאַרגעסענע, זײַנען אויפֿגעגאַנגען אין אים, האָבן וואָך געמאַכט די נאָזפֿליגל, ס׳געהער, דעם זכרון.

לאַסקי איז נאָך דעמאָלט קיין דאָקטאָר נישט געווען. אַ בחור פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, זעכצן. און כאָטש ער האָט געאַרבעט אין דעם טײַ־סקלאַד „נעקטאַר", וואָס אויף לעשנאָ גאַס, האָט ער שוין אין וואַרשע געשמט פֿאַר אַן עילוי. אין דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע האָט מען זיך געגרויסט מיט אים. ער האָט קיין־מאָל נישט אַרײַנגעקוקט אינעם קאַטאַלאָג. אַ בוך, אַ ביכל, אַ בראָשורע — מיט פֿאַרמאַכטע אויגן איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע און לויטן גערוך דערטאַפּט און אַרויסגענומען, וואָס ער האָט געדאַרפֿט. אין טײַ־געשעפֿט האָט ער אַרויסגעהאָלפֿן דעם הויפּט־בוכהאַלטער, אַרויסגעהאָלפֿן בריוו שרײַבן. ס׳בחורל האָט שוין דעמאָלט געקענט אַכט שפּראַכן. געצאָלט האָט מען אים זעכצן רובל אַ חודש. די טײַ־פֿירמע „נעקטאַר" האָט געהאַט צוויי בעלי־בתים — דעם גערער רבי און דעם אַסימילאַטאָר סימיאָן, וואָס האָט זיך אויף דער עלטער געשמדט. דער דירעקטאָר פֿון דער פֿירמע — שפּער — אַ געוויקסיקער פֿאַרשוין מיט בלויע אויגן, מיט שפּאַרע וואָנסן, פֿאַרדרייט ווי פּײַקעס. לויטן רעדן, לויטן הילוך האָט ער אויסגעזען ווי אַ גוט־באַזיצער, אַ שלאַכטשיץ. און אַז דער דירעקטאָר האָט זיך אַמאָל מיטן בחורל צערעדט, האָט לאַסקי אים געפֿרעגט:

— דער פּאַן דירעקטאָר שטאַמט פֿון די זאַמאָשטשער שפּערס?

— יאָ.

— יאַקוב שפּער?

— דאָס איז געווען מײַן זיידע.

— ווײס דער דירעקטאָר, אַז אברהם בוכנער האָט אָנגעשריבן אַ ביכל וועגן אײַער זיידן? ס׳הייסט — "Kwiaty Wschodnie" („מזרח בלומען"). איך האָב עס. כ׳האָב אויך דעם נעקראָלאָג, וואָס איז געווען געדרוקט אין „קוריער וואַרשאַווסקי". דאָס איז געווען אין 1835. ס׳ביכל איז אַ יקר־המציאות.

דעם דירעקטאָרס בלויע אויגן האָבן זיך געהאַלטן אין איין בײַטן. דער געוויקסיקער שפּער האָט אַרומגענומען ס׳דאַרע בחורל:

— קינד מיינס, האָסט מיר נאָרוואָס אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. און ווי כ׳זוך אַרום דאָס ביכל. וויפל דו ווילסט נאָר אַליין פאַרן ביכל וועסטו קריגן.

— כ׳וועל עס נישט פאַרקויפן.

מיט גוטן, מיט בייזן, דער דירעקטאָר האָט נישט געקענט פועלן לאַסקי זאָל אים פאַרקויפן ס׳ביכל.

שפּעט אין אָוונט, לאַסקי האָט זיך שוין געקליבן גיין שלאָפן, ערשט מען קלאַפּט אין טיר. די מוטער האָט געעפנט און זיך איבערגעשראָקן. וואָס דאַרף אַ שררה אַזוי שפּעט אין דער נאַכט פון איר זון? דאָס איז געווען דער דירעקטאָר שפּער. ער איז געקומען אָנקוקן ס׳ביכל. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געמישט די בלעטער. און שפּער איז שוין געווען אין די הויכע פּופּציקער. ער האָט זיך געבעטן ביים בחורל ער זאָל פאַרקויפן ס׳ביכל און ס׳בחורל, אַן איינגעעקשנטער, אַ בלאַסער, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — ניין, ניין, ניין!

נאָך האַלבער נאַכט האָט דער דירעקטאָר אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדענעם צען רובל שטיק און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט אויך צוגעזאָגט לאַסקין אַ העכערונג אין די שכירות. ס׳בחורל, אַן מראה אין פּנים, האָט פאַרקוועטשט די ליפּן, גאַרנישט געענטפערט און געקוקט, ווי די מוטער, אַן אָפּגעאַר־בעטע, שטייט הינטערן דירעקטאָר און בעט זיך מיט די הענט, מיט די אויגן, מיט איר גאַנץ לייב און לעבן — נעם, נעם, נעם!

אַז דער דירעקטאָר האָט אַ גליקלעכער אַריינגעלייגט ס׳ביכל אין דער בוזעם־קעשענע און איז אַרויס פון שטוב, האָט ס׳בחורל זיך צעוויינט.

דאָס איז געווען אין ניינצן הונדערט און צען.

דערנאָך איז לאַסקי אַוועק קיין קראָקע, אַוועק זיך אָנצוזאַפּן מיט עכט פּוילן, מיט אַ באַפרייט פּוילן. און אַז ער האָט געהאַט געענדיקט קראָקער אוניווערזיטעט, האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. פון קאָנצענטראַציע־לאַגער איז ער אַריבער אין פּיל־סודקיס לעגיאָנען. דערנאָך — אַ באַפרייט פּוילן. און אַז דאָס באַפרייטע פּוילן האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם אין פּינסק און אַז

לאַסקיס אוניווערזיטעט־חבר, מאיאָר לעשטשינסקי, האָט אָנגעפירט מיטן פּאָגראָם, האָט לאַסקי פאַרלאָזט פּוילן און איז אַוועק קיין ניו־יאָרק. אויבן־אויף האָט ער מער קיין גוט וואָרט נישט געהאַט פאַר פּוילן. אין האַרצן אָבער האָט ער ליב געהאַט פּוילן. זיין שול־חבר, פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי, האָט עס געוואוסט. און אַז ס'איז אַריבערגעקומען אַ פּוילישער געלערנטער, אַ פּוילישער שטאַטס־מאַן, האָט מאַלינאָווסקי שטענדיק פאַרבעטן לאַסקין, כאָטש לאַסקי האָט קיין גוט־וואָרט נישט געהאַט פאַר דער פּוילישער וויסנשאַפט, פאַר די פּוילישע שטאַטסלייט. און אַז היטלער האָט איינגענומען פּוילן און די פּוילישע אינטעליגענץ איז זיך צעלאָפן, איז נישט דורך קיין וואָך ס'זאָל נישט זיין קיין „געסט".

אַז לאַסקי איז אַריין צו פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקין, איז דער גרויסער זאַל שוין געווען געפּאַקט. טייל זיינען געשטאַנען, טייל געזעסן. מען האָט גערעדט פּויליש, ענגליש, פראַנצויזיש. דר. לאַסקי, ווי אַ היימישער מענטש, האָט זיך געהאַלטן אין איין באַגריסן, אין איין קושן די דאַמען די הענט, אין איין דריקן מיט דער האַנט. און פון יעדן דרוק איז צוגעקומען נייעס. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז שפּער האָט אָנגעפירט מיט אַ גלחים־סעמינאַר אין קראָקע, אַז ער פירט מיט זיך אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון פּויפּסט אַליין, אַז ער איז דער גרעסטער בקי אין דער געשיכטע פון די אַפּאָסטאָלן. און ווי די ידיעות וועגן שפּערן האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָט פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי צוגעפירט דר. לאַסקין צום גאַסט:

— באַקענט אייך!

דאָקטאָר לאַסקי איז געווען אַנטוישט. קיין אָנבליק נישט צום דירעקטאָר פון דער טיי־פירמע „נעקטאַר". יענער האָט אויסגעזען ווי אַ פּאָליאַק, ווי אַן אמתער אַריער. און דער? אַ נידעריק, דאַר מענטשל. אַלץ איז ביי אים געווען דאַר. אַפילו דער קאָפּ, אַפילו די נאָז. בלויז די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט, שטאַרק גע־פינקלט, אַז ס'איז שווער געווען צו זאָגן צי זיי זיינען שוואַרץ, צי בלוי, צי גרין. און אַז ער האָט זיך צערעדט, איז דאָס דערווידער־דיקע פאַרשוואונדן, ווי ס'קול וואָלט נישט געקומען פון אים, נאָר

פון ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט. אַ וואַרעם, ליכטיק קול, וואָס האָסט זיך געמוזט צוהערן דערצו.

דאָקטאָר לאַסקי האָט אים געפרעגט:

— דער שפער פון וואַרשע, דער דירעקטאָר פון דער טיי־פירמע „געקטאַר”, קערט אייך עפּעס אָן?

— מיין פאָטער. ער לעבט שוין נישט. איר האָט אים געקענט?

ביידע האָבן זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל. ביידע האָבן לאַנג גערעדט. און אַז דאָקטאָר לאַסקי האָט אים דערציילט וועגן עלטער־זיידע, וועגן ביכל „מזרח־בלומען”, וועגן דעם, ווי דער אַלטער שפער איז צו אים געקומען ביינאַכט נאָכן ביכל, האָבן ביים יונגן שפער גענומען ציטערן הענט און פיס, און אַז דאָקטאָר לאַסקי האָט פאַרענדיקט:

— היינט האָב איך מער מאַטעריאַל וועגן אייער עלטער־זיידע. כ׳האָב אַרכיוו־מאַטעריאַלן, כ׳האָב ס׳ביכל, כ׳האָב דעם נעקראָלאָג — האָט דער יונגער שפער, דער פרומער קאַטאָליק, אַרומגעכאַפּט דאָקטאָר לאַסקין. ס׳קול האָט ביי אים געציטערט:

— פּאַניע דאָקטאָרזשע, איר האָט מיר נאָר־וואָס אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. מיין עקזעמפּלאַר איז געבליבן ביים שונא. וויפל איר וועט נאָר אַליין ווילן, וועל איך אייך געבן פאַרן ביכל.

— נאָר קומט נישט צו מיר ביינאַכט, ווי דער טאַטע אייערער — האָט דאָקטאָר לאַסקי זיך צעלאַכט.

— און פאַרוואָס טאַקע נישט קומען ביינאַכט, ווי דער טאַטע מיינער? — האָט דעם פּראָפעסאָרס קול געקלונגען ווי נישט פון דער וועלט.

— איר זענט אַזוי נישט ענלעך אויף אייער פאָטער און דאָך אַזוי ענלעך. דער פאָטער איז געשטאָרבן אַ ייד?

— אַ ייד.

— און איר?

ער האָט נישט געענטפערט. נישט באַמערקטערהייט האָבן זיך ביידע אַרויסגעשאַרט אויף דער גאַס. זיי זיינען דורכגעגאַנגען די צוויי קוואַרטאַלן, פון מאַלינאָווסקיס הויז ביז לאַסקיס און האָבן געשוויגן. זיי האָבן אויך געשוויגן, ווען זיי האָבען זיך געהויבן

איבער די טרעפּן. און אַז לאַסקי האָט אים געגעבן די „מזרח־בלומען‟, איז דער יונגער שפּער געבליבן אַ ווייל אָן אָטעם. דערנאָך האָט ער מיט ציטערדיקע הענט גענומען בלעטערן ס׳ביכל און זיך צערעדט:

— פּאַניע דאָקטאָרזשע...

און אַז דער יונגער שפּער איז אַוועק מיטן ביכל, איז דאָקטאָר לאַסקי נאָך אַלץ געשטאַנען אין אָפענעם פענצטער און זיך געוואָלט קלאָר מאַכן פאַרוואָס די שפּערס — דער פאָטער אַ ייד, דער זון אַ קאַטאָליק — יאָגן זיך אַזוי נאָכן עלטער־זיידן פון 1835?

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט.

Joseph Opatoshu

FLOWERS OF THE EAST

In the early 1940's, the famous Jewish writer Joseph Opatoshu—a close friend of Jacob Shatzky—wrote a short story called "Flowers of the East." The story was later included in Opatoshu's collection in Yiddish, *When Poland Fell* (New York 1943). In it, two episodes of Shatzky's life were narrated, depicting his early years as a clerk in a Warsaw tea shop, his love of books, and his two strange encounters with the descendants of a distinguished Polish Jew, Jacob Szper, whose biography appeared in a rare, slender volume, *Flowers of the East,* a highly prized item in Shatzky's library. The short story was read by Joseph Opatoshu at a celebration held in New York in 1953 in honor of Shatzky's 60th birthday.—*Ed.*

נ. ב. מינקאָוו

אין נעפּל פון קינדהייט

דר. יעקב שאַצקי — אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז ער באַקאַנט דער יידישער וועלט. דאָ, אין ניו־יאָרק, האָבן מיר באַמערקט זיין נאָמען אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. מיר האָבן געלייענט זיינע געלערנטע אָפּהאַנדלונגען אין וואַרשעווער ביכער־וועלט, אין זאַמלבוך שטראָמען. וועגן זיין פריער זייער פּראָדוקטיווער אַרבעט אין פּויליש — וועגן דעם האָבן מיר זיך שפּעטער דערוואוסט. סוף 1922 איז ער שוין געווען ביי אונז אין ניו־יאָרק.

ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל באַמערקט דעם ערשטן נאָמען יעקב און דעם פולן נאָמען דר. יעקב שאַצקי — איז אונדז שווער געווען פאַרבינדן דעם נאָמען יעקב מיט זיין קינדהייט. ווען ער איז געווען אַ קינד און אַ יוגנטלעכער האָבן מיר אים געקענט אונטערן נאָמען קובאַ אָדער קובעק. דער דאָזיקער נאָמען האָט געמיינט עפּעס. די עלטערע אין דער היים האָבן נאָך גערעדט יידיש. די יינגערע קינדער האָבן גערעדט פּויליש. אין שטוב איז פּויליש געווען די דאָמינירנדיקע שפּראַך. אין די נעמען פון דער שאַצקי־משפּחה קען מען זען אָט־דעם אונטערשייד צווישן יידיש און פּויליש.

דער פאָטער האָט געהייסן בצלאל־בער, די מוטער — איידל. די שטיף־ברידער און שטיף־שוועסטער פון איין טאַטן: אברהם, אהרן, יוסף און אסתר (אסתר האָט, אגב, געענדיקט טראָפּס דענטיסטן־שולע). זיי אַלע האָבן גערעדט יידיש, הגם זיי האָבן אויך געקענט רעדן פּויליש.

מיט די קינדער פון בצלאל־בער שאַצקיס צווייטער פרוי, איז שוין געווען אַנדערש. זיי האָבן אויך געקענט רעדן יידיש. אָבער

זייער שפּראַך איז געווען פּויליש. זייערע נעמען — אינגאַנצן פּויליש: פראַניאַ, קובעק (אונדזער יעקב שאַצקי), יולעק, סוכאַ־רעק, מאַקס און אַנקאַ.

סוכאַרעק, למשל, האָבן די נאָענטסטע און די אינטימסטע חברים געקענט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען — ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין הצפירה, אויב איך מאַך ניט קיין טעות. זיין יידישער נאָמען איז געווען יששכר. סוכאַרעק איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך רואיקער, אַ געלאַסענער. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער מאַטעמאַטיקער. ער האָט גרינטלעך געקענט אַ סך שפּראַכן. אַט־דער ממש געניאַלער יונגערמאַן איז געשטאָרבן אין ווין, אין 1923, אין עלטער פון 23 יאָר.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו פאַרצייכענען עפּעס וועגן שאַצקיס ברודער מאַקסן. ער איז געווען דער אַסיסטענט־שעף פון קאָנטער־שפּיאָנאַזש ביי דער פּוילישער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". ער איז אומגעקומען אין 1943.

די נטיה צו פּאָלאָניזאַציע געפינען מיר אויך אין דעם עצם נאָמען שאַצקי. אין דער קינדהייט און אין דער יוגנט האָט ער געהייסן שאַצקין. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך אים געפרעגט: „קובעק, דו האָסט דאָך קיינמאָל נישט געהייסן שאַצקי, נאָר שאַצקין?" געדענק איך געגנוי דעם ענטפער: „אונדזער נאָמען איז באמת שאַצקי". און אין דעם איז געווען אַ שטיק אמת. דעם זיידנס נאָמען איז טאַקע געווען שאַצקי. און דאָס איז טאַקע געווען דער אמתער נאָמען. אָבער קובעק האָט געפינען פאַר נייטיק צו בייטן דעם נייעם אָנגענומענעם משפּחה־נאָמען שאַצקין צוריק אויף שאַצקי. קובעק האָט דאָך געענדיקט גימנאַזיע אין קראָקע. די הויפּט־שפּראַך איז דאָרט געווען פּויליש. די דאָ־זיקע שפּראַך האָט אויך געהערשט אין יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט, אין קראָקע. קובעק איז געווען אַ שטאַרקער פּוילישער פּאַטריאָט. איז דער נאָמען שאַצקי געווען מער צוגעפּאַסט פאַר אַ מיטגליד אין פּוילישן לעגיאָן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין פּוי־לישן לעגיאָן איז ער געווען אַ סערזשאַנט אין דער ערשטער בריגאַדע, אין דעם ערשטן פּולק (רעגימענט). ראָמאַנטיש גע־

שטימט, האָט דעמאָלט אויך זיין מיליטער־דינסט געהאַט אין זיך אַ מין ראָמאַנטיש־פּאַטריאָטישן באַטייט. לעבן קעלץ איז ער פאַר־וואונדיקט געוואָרן אין פוס. שפּעטער, אין דער מלחמה מיט רוס־לאַנד, איז ער געווען אַ לייטענאַנט אין דער פּוילישער אַרמיי אין פּאָזנאַן.

געננוי, ווען מיר זיינען געוואָרן חברים, איז מיר שווער פעסט־צושטעלן. זינט איך געדענק זיך, געדענק איך קובעקן. איך גע־דענק אים, ווען די שאַצקי־משפחה האָט געוואוינט אויף פּיענקנע 5. מיר זיינען דעמאָלט אַלט געווען 4־5 יאָר. כ׳געדענק אים נאָך בולטער, ווען מיר זיינען געגאַנגען אין פּטאַשקינס שולע. מיר זיינען דעמאָלט אַלט געווען בערך 7 יאָר. מיר האָבן דעמאָלט ליב געהאַט צו רעדן וועגן מעשיות, ביכלעך און שפּילן „קוקסאָ״ — וואַרפן קליינע קייטעלעך אין אַ ראָד. דערביי האָט מען זיך געוועט אויף אויסלענדישע מאַרקעס.

קובעק איז געווען אַ דינאַמישע נאַטור — אויסערגעוויינלעך ענערגיש, אַמביציעז און אומרואיק, ממש נערוועז. מן הסתם זיינען פאַראַן אַ סך דערקלערונגען וועגן דעם. איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי: דאָס בייטן אָפט דירות און זיין פאָטערס קראַנקהייט.

דער שרייבער פון די שורות געדענקט וואַרשע ווי אין אַ נעפּל. דאָך קען ער זיך ניט דערמאָנען משפחות, וואָס האָבן אַזוי אָפט געביטן דירות — געגנטן — ווי די שאַצקיס. די דירות קומען אויף אין זכרון, אַזוי שנעל ווי איך דערמאָן זיך די שפּילערייען אין די יום־טובים.

קובעק איז געבוירן געוואָרן אויף קאָזשיע גאַס, ניט ווייט פון דער אַלט־שטאָט, „סטאַרע מיאַסטאָ״. אָבער די ערשטע דירה, וואָס דער שרייבער פון די שורות געדענקט איז געווען פּיענקנע 5. דאָרטן האָט די שאַצקי־משפחה געוואוינט, ווען קובעק איז אַלט געווען 2 יאָר. ווען ער איז אַלט געווען 5 יאָר האָט זיך די משפחה אַריבערגעצויגן אויף מוראַנאָוו 8 — ערשטער שטאָק — ניט ווייט פון שעראַקאָווסקע. די דירה איז באַשטאַנען פון דריי צימערן מיט אַ קיך. אָבער, ווי אַלע שאַצקי־דירות, זיינען די

צימערן געווען זייער גרויסע און זיי האָבן געבלאַנקט. ווען קובעק איז אַלט געווען 9 יאָר האָט זיך די משפחה איבערגעצויגן אויף באָניפראַטן - גאַס (באָניפראַטערסקאַ) 27. נאָך באָניפראַטן - גאַס האָבן די שאַצקיס זיך איבערגעקליבן קיין אַטוואַצק. און נאָך 3־4 יאָר זיין אין אַטוואַצק האָבן זיי געוואוינט אויף נאָוואָליפקי 25 און נאָכדעם — אויף לעאָפּאָלדינע 8.

עס זיינען געווען צוויי סיבות פאַרוואָס מ׳האָט אַזוי אָפט געביטן די וואוינונגען. איין סיבה — דעם פאָטערס באַשעפטיקונג. די צווייטע סיבה, שפּעטער, דעם פאָטערס קראַנקהייט.

דער פאָטער איז געווען אַ „דאָסטאַוושטשיק״, אַ ליפעראַנט, אַ „פּאָדריאַדטשיק״. ער האָט צוגעשטעלט שפּייז דער רוסישער מיל־טער — אירע אַנשטאַלטן. די דירות האָט מען געביטן, עס זאָל דעם פאָטער זיין גרינגער צו קומען צו די ערטער, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט. ווען ער האָט צוגעשטעלט פּראָוויאַנטן אין אויאַזדאָווער מיליטער־שפּיטאָל, האָבן זיי געוואוינט טאַקע ניט ווייט פון יענער געגנט. אַרום מוראַנאָוו און באָניפראַטן, למשל, איז געווען גרינגער צוקומען צום „פּלאַץ וואָיענני״, צו דער וואַרשעווער פעסטונג, ניט ווייט פון דער נאַדווישלאַנער באַן — די ליניע, וואָס האָט געפירט דורך די יידישע זומער־פלעצער: וואַווער, פאַלעניצאַ, מיעדזעשין, יאַראָסלאַוו, שווידער, אָטוואָצק.

די צווייטע סיבה, דעם פאָטערס קראַנקהייט, האָט געצוואונגען די משפחה זאָל זיך איבערציען קיין אָטוואָצק.

די אַלע דירה־בייטענישן, ווי אויך געגנטן, האָבן אפשר געווירקט אויף דעם סענסיטיוון קובעקן. נאָך מער האָט זיכער געווירקט דעם פאָטערס קראַנקהייט.

קובעקס פאָטער איז קראַנק געוואָרן אין 1904. קובעק איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום צען־עלף יאָר. געוואוינט האָבן זיי דעמאָלט אויף באָניפראַטן־גאַס. דער פאָטער איז געווען פּאַראַליזירט אויפן רעכטן האַלבן קערפּער. ער איז געלעגן קראַנק 8 יאָר און איז געשטאָרבן אין 1912, ווען קובעק איז אַלט געווען 18־19 יאָר.

מיטן פאָטערס קראַנקהייט איז די דאָזיקע זייער פאַרמעגלעכע

משפּחה פֿאַראָרעמט געוואָרן. דאָס אַלץ האָט שטאַרק געווירקט אויפֿן יונגן קובעקן. דאָס לעבן האָט אים טיף באַליידיקט. דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ פּרט — ער האָט געמוזט זוכן באַשעפּטיקונג. אין גימנאַזיע אָנקומען אין וואַרשע — דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, מחמת דער פּראָצענט־נאָרמע.

צום בולטסטן געדענק איך אים מחמת קינדערשע געשעענישן. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו שפּילן טעאַטער. ער האָט אַפֿילו געטרוימט צו ווערן אַן אַקטיאָר. כ׳געדענק גענוי מיט וואָס פֿאַראַ זשעסטן, מיט וואָס פֿאַראַ דראַמאַטיזם ער פֿלעגט דעקלאַמירן. באַזונדערס איז מיר געבליבן אין זכרון — די „אוראָדזשינעס“, געבוירנטעג. אַזעלכע „אוראָדזשינעס“ זיינען געווען אַ כּך. עס זיינען דאָך געווען גענוג קינדער אין ביידע משפּחות. מער ווי אַלץ געדענק איך מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייער קובעק פֿלעגט דעקלאַמירן מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס: „אַ יאַק פּאָשעדל קרול נאַ וואָינע, גראַלי יעמו סורמי זבראָינע“ (און ווען דער קיניג איז אַוועק אין קריג, האָבן אים געשפּילט מיליטערישע פֿאַנפֿאַרן). אין די דעקלאַמאַציעס האָט ער מער אַרויסגעשיינט ווי אַלע אַנדערע קינדער. די דעקלאַמאַציעס זיינען אָפּט געווען כאָר־דעקלאַמאַציעס, דאָס הייסט, באַגלייט מיט קולות וברקים. האָט מען קובעקס שטים געהערט העכער איבער אַלע קולעכלעך. נאָך די פּוילישע דעקלאַמאַציעס איז אַוועק אַ סדרה העברעאישע לידער, וואָס מ׳האָט געלערנט אין שולע. קובעק פֿלעגט זיך פֿונאַנדערגיין: „שאו ציונה נס ודגל, דגל מחנה יהודה“... די שכינה האָט אויף אים ממש געשיינט.

צווישן די לידער, וואָס מיר האָבן געזונגען, איז, פֿאַרשטייט זיך, אויך געווען — „התקוה“. געדענק איך ווי דער ייִנגערער ברודער יולעק האָט שטאַרק אונטערגעהאָלפֿן זינגען קובעקן און אונדז אַלעמען.

זיין ליבע צו שפּילן טעאַטער האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט דעקלאַמירן לידער. ער האָט טאַקע געשפּילט אמתן טעאַטער. אין מוראַנאָווער־טעאַטער האָט מען געשפּילט גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַס צוויי פּיעסן. איינע איז געווען „מאַלקאַ (מלכה) שוואַרצענקאָפּ“.

די צווייטע — „יונה פירולקעס". אין „מאַלקאַ שוואַרצענקאָפּ" קומט פאָר אַ חתונה. האָט מען דאָרט באַדאַרפט האָבן יידישע קינדער. אין „יונה פירולקעס" האָט מען אודאי געדאַרפט האָבן יידישע קינדער. אויף דער סצענע וויזט מען דאָך אַ חדר. קובעק איז געווען דער הויפט־מאַכער צונויפצונעמען די קינדער, איינ־שטודירן מיט זיי און שפילן טעאַטער. איך קען איצט ניט קאָווירן צי ער האָט איןביידע פּיעסן געשפּילט. אָבער אין דער סצענע מיטן חדר — דאָס איז זיכער. אויך אין אָטוואָצק פלעגט ער דורכפירן פאַרשיידענע טעאַטער־שפּילן.

אויך אין שולע האָט ער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט צווישן די קינדער. ביזן אוניווערסיטעט האָט קובעק געקראָגן זיין בילדונג אין פּטאַשקינס שולע, אין מוראַווליאָווס קאָמערץ־שולע און ביי פּריוואַטע לערער. אין די צוויי דערמאָנטע שולעס האָבן מיר געלערנט צוזאַמען.

פּטאַשקינס שולע האָט זיך געפונען אויף פּאַוויע 5, אין הויף לינקס, אויפן ערשטן שטאָק. דאָס איז געווען אַ מין חדר־מתוקן. דאָרטן האָט מען אונדז געגרייט, מיר זאָלן קענען נעמען עקזאַ־מענס אין די פאַרשיידענע גימנאַזיעס, רעאַל־ און קאָמערץ־שולן. צווישן אונדזערע לערער איז אַ קורצע צייט געווען דער שריפט־שטעלער און געלערנטער א. ש. זאַקס. ביזן עלטער פון 10 יאָר זיינען מיר געווען ביי פּטאַשקינען. אגב, פּטאַשקינס זון איז שפּע־טער געוואָרן אַ יידישער פּאָעט. ער איז טראַגיש אומגעקומען אין פאַרשיקונג, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי עס גיט רירנדיק איבער משה גראָסמאַן אין זיין בוך היימישע געשטאַלטן.

פונעם עלטער צען ביז אומגעפער צוועלף יאָר זיינען מיר גע־גאַנגען אין דער קאָמערץ־שול ביי מוראַווליאָוון, אויף רימאַרסקע 12. פון די יאָרן 12 ביז 15 האָט קובעק געלערנט ביי פּריוואַטע לערער אין אָטוואָצק, פון 15 ביז 17 — אין וואַרשע. צו 17 יאָר איז ער אַוועק קיין קראָקע.

זיין ווייטערדיק לעבן איז אונדז באַקאַנט. באַקאַנט איז אויך זיין אומדערמידלעכע התמדה, זיין גרויסע פּראָדוקטיוויטעט, זיינע גרויסע אויפטוען אין אַ סך געביטן. מ'טאָר אויך ניט פאַרגעסן

— זיין גרויסע ליבע צו ביכער. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונ־
ייִנגל, האָט ער ליב געהאַט ביכער. ער איז געווען אפשר דער
איינציגער צווישן אונדז, זיינע נאָענטסטע, וואָס האָט געקליבן
ביכער. ער האָט זיי געהיט. ער האָט זיי געהאַלטן פאַרשלאָסן אין
צוויי קאַסטנס. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום 9 יאָר. די
ביכער זיינען געווען אין פויליש און רוסיש.

ווי אַ חלום שווימען־אויף באַזונדערע בילדער פון דער קינד־
הייט — בילדער, שאָטנס. און ווי אַ חלום קומט־אויף זייער אָפּט
קובעקס לעבן — אויך בילדער, שאָטנס. און זאָל מיר דערלויבט
זיין צו זיין באַנאַל — זיינע ווערק זיינע שוין נישט קיין שאָטנס.
זיי ווועלן אייביק בלייבן. זיי זיינען שאַפונגען פון גרויסער מי.
גרויסער התמדה און גרויסע פעאיקייטן.

N. B. Minkoff

IN THE HAZE OF CHILDHOOD

All through his childhood and youth Dr. Jankev Shatzky was known to his intimates not as Jankev, but under his Polish names Kuba and Kubek, derivitives from the Polish name Jakob. This is symptomatic of a pattern of Polonization. The language and the names of the elder members of the family were Yiddish, whereas those of the younger were Polish. The same expression of Polonization is apparent in his re-adoption of the name Shatzky instead of Shatzkin. Dr. Shatzky had become imbued with a romantic attitude to Poland while serving in the Polish Legions as a lieutenant during the World War I.

Dr. Shatzky's childhood is shown against the backround of different places and environments, for the family moved often in order to live close to the father's place of work. His father was a food-contractor for the Russian military. Jacob Shatzky's impressionable years of adolescence are described

against the background of his father's illness. These eight years—from Jacob's 11th to 19th years—have left their traces upon Dr. Shatzky.

During his childhood Dr. Shatzky showed a great love for the histrionic arts. He even dreamt of becoming an actor.

His schooling included an elementary private school conducted by Ptashkin, a well-known pedagogue in Warsaw; then—the school of commerce conducted by Muravliov; and studies with private teachers. At the age of 17 he graduated from a Cracow-gymnasium; in 1917 he entered the Yagellon University at Cracow.

Among the major youthful interests of the future historian and scholar was his passion for reading and collecting books. At the young age of 9 he was the proud possessor of two boxes of beloved books kept under lock and key.

משה שטאַרקמאַן

שאַצקי — דער פאָרשער און לערער

במשך אַ לאַנגער תקופה האָבן דאָס מערב־יידנטום און דאָס מזרח־יידנטום געטראָגן צוויי באַזונדערע גייסטיקע קרוינען. דאָס מערב־יידנטום האָט געטראָגן דעם כתר פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, און דאָס מזרח־יידנטום — דעם כתר פון לומדות. שפּעטער האָט דאָס מזרח־יידנטום איבערגענומען פון מערב־יידנטום די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדעס, אָבער דער צוגאַנג איז ניט געווען דערזעלביקער. אין מערב האָט מען געפאָרשט, בעיקר, די פאַרגאַנגענהייט פון יידנטום, — פון אַ יידנטום, וואָס איז געבליבן אָן המשך, בעת אין מזרח האָט מען געפאָרשט דעם עבר כדי צו געפינען זיין קשר מיטן היינט. נאָכמער, אין מערב איז די יידישע פאָרשונג, מיט ווינציקע אויסנאַמען, געלעגן אין די הענט פון ראַבינערס, וואָס די וויסנשאַפט איז ביי זיי געווען אַ זייטיקער, כאָטש באַליבטער ענין; אין מזרח, ווידער, זיינען אויפגעקומען געלערנטע, וואָס יידישע געשיכטע־ און קולטור־פאָרשונג איז ביי זיי ניט געווען אַן ענין פון ליבהאָבעריי, נאָר זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

סימבאָליש פאַר דעם אויפשטייג פון מזרח־יידנטום אין פרט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און אויפטוען, איז געווען דר. יעקב שאַצקי. זיין פריצייטיקער טויט, דעם 13־טן יוני, 1956, אין עלטער פון 62 יאָר, האָט גורם געווען אַ סך מער ווי אַ גרויסע אבידה פאַר דער יידישער קולטור. זיין פטירה איז אַ

גרויסע טראַגעדיע, ווייל כאָטש ער האָט געהערט צו אַ באַשטימטן דור יידישע געלערנטע, איז ער, אָבער, ניט געווען איינער פון סתם אַ מין, אַ יחיד פון אַ באַשטימטער גרופּע. שאַצקי איז געווען אַן אוניקום, — אַן איינציקער, וואָס איז אַ זעלטנקייט, — אַ זעלטנקייט, וואָס קיינער קען ניט פאַרבייטן. אין אים זיינען געווען פאַראייניקט, דורך אַ ברכהדיקן סינטעז, אַלע אייגנשאַפטן פון יידישן געניוס: עילוישקייט, בקיאות און חריפות, צוזאַמענגעשמאָלצן אין טיגל פון קאָכיקער שרייבערישער ענערגיע.

דר. שאַצקי איז ניט געווען קיין קאַבינעט־מענטש, ווי מען שטעלט זיך פאָר, געוויינטלעך, דעם געלערנטן, דעם פאָרשער. ער איז געווען אַן ענערגישער עסקן, אַן אומדערמידלעכער קולטור־טוער, אַ באַצויבערנדיקער לעקטאָר, און אַ לערער ביי וועמען די געטריישאַפט צו זיינע תלמידים האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר פון מיין אייגן לעבן ווי אַ שרייבער, זיינען געווען אינגאַנצן באַווירקט פון דער הדרכה, השפעה, דערמוטיקונג און אינספּיראַציע, וואָס דר. שאַצקי האָט מיר געגעבן אין אַזאַ שפעדיקער מאָס. איך בין בלויז איינער פון די פיל תלמידים, וואָס קענען דערציילן וויפל שרייבערישע, דערציערישע און עסקנישע ענערגיע ער האָט אָפּגעגעבן פון זיך, כדי אַנדערע זאָלן שרייבן און פאָרשן. איצט קען מען דאָס מגלה זיין: אוצרות אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי און אָנשטרענגונג אויפגעקליבן אין ביבליאָטעקן און אַרכיוון, האָט ער אַוועקגעגעבן צו אַנדערע, אַז זיי זאָלן קענען שרייבן ביכער. און ניט נאָר דאָס אַליין, — ער האָט אויך געשאַפן פאָנדן, אַז אַנדערע זאָלן קענען זייערע ביכער אָפּדרוקן.

אַ היסטאָריקער, אַ פאָרשער, — איז ער, גלייכצייטיק, געווען אינטים פאַרבונדן מיט דער יידישער וואָרטקונסט. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ניט בלויז אין די קינסטלערישע בילדער, וואָס ער האָט פאַרוועבט אין זיינע אייגענע וויסנשאַפטלעכע ווערק, נאָר אויך אין זיין עמאָציאָנעלער קרובהשאַפט צו דער יידישער פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, קריטיק און צו זייערע שאַפערס. אַ טיפער טויכער אין דער ווייטער און נאָענטער יידישער פאַר־

גאַנגענהייט, — האָט דר. שאַצקי אויך געהאַט אַ טיפע פאַר־שטענדעניש פאַר דער יידישער קעגנוואַרט. ער האָט טיף גע־גראָבן כדי צו פאַרשטיין ווי ס'וועט אויסזען און ווי ס'וואָלט באַדאַרפט אויסזען די יידישע צוקונפט. אויף דעם זאָגן עדות זיין פּובליציסטיק און זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען. ער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו מדינת ישראל און אַפילו געחלומט צו ווערן אַ ירושלימער תושב. אין דער צוואה האָט ער אָפּגעשריבן: זיין אַרכיוו, — דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט אין ירושלים; זיין ביבליאָטעק, — דעם היסטאָרישן סעמינאַר ביים העברעאישן אוניווערסיטעט. דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט (ייוואָ) האָט ער נאָך ביים לעבן אָפּגעגעבן, ניט בלויז זיין שרייבעריש־פאָרשערישע ענערגיע, זיינע עסקנישע כוחות, נאָר אויך אַ סך זעלטענע ביכער און דאָקומענטן, וואָס סימבאָליזירן איצט די עשירות פון ייוואָ״ס ביבליאָטעק און אַרכיוו. און ווער קען שאַצן די גייסטיקע שאַצקי־מתנה, וואָס איז פאַראייביקט אין די בענד פון די ייוו״אָ־פּובליקאַציעס? זיין באַדייטנדיקע יודאַיקאַ־זאַמלונג אויף שפּאַניש און צו דער געשיכטע פון יידן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער האָט ער אין דער צוואה אָפּגעשריבן דעם אַרגענטינער אָפּטייל פון ייוו״אָ.

מיטן טויט פון דר. יעקב שאַצקי האָט די יידישע היסטאָריאָ־גראַפיע פאַרלוירן איינעם פון אירע ריזן, און די יידישע ליטע־ראַטור, — איינעם פון אירע פילזייטיקסטע שריפטשטעלערס. ער איז געווען, אין איין און דערזעלביקער צייט, געשיכטע־שריי־בער און ביאָגראַף, ביבליאָגראַף און עסעיאיסט, פּובליציסט און גאַזעטאָגראַף, טעאַטער ־ היסטאָריקער און טעאַטער ־ קריטיקער, ליטעראַטור־קריטיקער, לעקסיקאָגראַף און רעדאַקטאָר.

זיין שרייבערישע טעטיקייט האָט שאַצקי אָנגעהויבן אויף רוסיש און פּויליש, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט מאָנאָ־גראַפיעס און אָפּהאַנדלונגען וועגן יידן, יידיש און יידישע ליטע־ראַטור. ער איז אַריבער צו יידיש־שרייבן צען יאָר שפּעטער, אין 1922, — איינעם יאָר, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ־ריי יאָר נאָכדעם האָט ער געהאָלפן גרינדן דעם אַמעריקאַנער

אָפּטייל פון ייוואָ. זיין היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון אַלט־יידישן פאָלקסבוך „שמחת הנפש" האָט דעמאָלט מבשר געווען דעם אָנהייב פון וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס ווי מען איז פריער געווינט געווען צו זען נאָר ביי די אומות העולם. אין דערזעלביקער צייט האָט ער אויך געלייגט די יסודות פון שפּינאָזאַ־פאָרשונג אויף מאַמע־לשון, — אי מיט זיין ביאָגראַפיש ווערק „שפּינאָזאַ און זיין סביבה" (1927), אי מיטן גרויסן שפּינאָזאַ־זאַמלבוך, וואָס ער האָט רעדאַקטירט. שאַצקיס בקיאות, זיין גרויסע ערודיציע, זיין פענאָמענאַלער זכרון, — די שרייבערישע ענערגיע און זיין מאָלערישע באַגאַבטקייט, — זיינען באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער מאָנומענטאַלער „געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע", — אַ ווערק פון וועלכן דריי בענד זיינען שוין אַרויס און דעם פערטן האָט ער געהאַלטן ביים צוגרייטן, ווען דער טויט האָט אים פּלוצים אַוועקגעריסן. די געשיכטע פון וואַרשעווער יידנטום האָט דר. שאַצקי באַטראַכט פאַר זיין קרוינווערק. אָבער אין זיין קרוין ווי אַ היסטאָריקער פון יידן און פון יידישער ליטעראַטור, פינקלען אויך, אין צוגאָב צו די פריערדערמאָנטע, אַזעלכע ווערק ווי דער אַריינפיר צו „יוון מצולה" (1943), „יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פוילן" (1943), „אין שאָטן פון עבר" (1947), „קולטור־געשיכטע פון די יידן אין ליטע" (1950), „יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע" (1950) און דער אָקערשט־דערשינענער ערשטער באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", וואָס ער האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן אינאיינעם מיט ש. ניגער. נאָכן שרייבן די הקדמה צום „לעקסיקאָן" איז שאַצקי אַוועק פון אונדז, און פונקט ווי ניגער האָט ער אויך ניט דערלעבט צו זען דאָס ווערק אין וועלכן ס'ווערן פאַראייביקט אַלע שרייבער־קדושים און אַלע, וואָס האָבן געהייליקט זייער לעבן צו דער יידישער ליטעראַטור.

ווען מ'זאָל אַרויסגעבן אין בוכפאָרם שאַצקיס ליטעראַרישע עסייען, קריטישע אַרטיקלען, מאָנאָגראַפיעס און אַלע פאָרשונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די ייוואָ־פּובליקאַציעס, וועלכע ער האָט רעדאַקטירט און מיט־רעדאַקטירט, וואָלטן די דאָזיקע ביכער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רייכע יידישע וויסנשאַפטלעכע

ביבליאָטעק, מיט מקורים־אָנווייזונגען פּאַר אַ סך נייע מאָנאָ־גראַפיעס.

דר. שאַצקי האָט אָפּגעגעבן אַ סך פאָרשערישע און שרייבערישע ענערגיע צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע שרייבערס־קדושים, צווישן זיי ישראל צינבערג און עמנואל רינגעלבלום, און צו שטעלן ביכער־מאָנומענטן די קהילות־הקודש, וואָס זיינען פאַרלענדט געוואָרן. דר. שאַצקי אַליין איז אויך געווען אַ קדוש: ער האָט זיך ממש מקריב געווען אויפן מזבח פון דער יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. פאַר זיי האָט ער זיך מקריב געווען און זיי האָבן אים געגעבן אייביקייט אין דער קולטור־געשיכטע פון אייביקן פאָלק.

M. Starkman

SHATZKY — SCHOLAR AND TEACHER

Dr. Jacob Shatzky was unique among Jewish historians. He symbolized the great achievements of Eastern European Jewry in all fields of historic research. He was not the type of scholar whose main activity is in his study. He was widely known as organizer, lecturer and teacher. As a result of his encouragement, a number of his students devoted their talents and energies to the enrichment of Jewish culture.

Dr. Shatzky's talent as a writer found expression in many fields. In addition to being a historian, with special emphasis on the history of Polish Jewry in general and Warsaw Jewry in particular, he was also gifted biographer, essayist, literary and dramatic critic, lexicographer and editor. If all his writings were published in book form they would make up a goodly-sized library. A great part of his energy was devoted to the building of literary memorials dedicated to the martyred Jewish communities and personalities in Eastern Europe. He sanctified his own life on the altar of Jewish historic research. Thus he attained immortality in the eternal cultural history of the eternal people.

לייבוש לעהרער

יעקב שאַצקי — דער מענטש און זיין סביבה

יעקב שאַצקי איז צו אונדז געקומען ווי אַן אַנדערער, געוואָרן אַ נאָענטער און פאַרענדיקט אין סאַמע אויבן־אָן פון די אייגענע. צווישן די אינטעליגענטע כוחות וואָס זיינען געקומען צו אונדז פון יענער זייט ים, שוין אָפּגערעדט פון די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיטן יידישן פעלד, איז נישט געווען קיין איינציקער וואָס האָט זיך נישט אידענטיפיצירט מיט איינער פון די הערשנדיקע יידישע אידעאָלאָגיעס. ער האָט געקענט זיין אַן אַקטיווער פירער פון אַ פּאַרטיי, אָדער אַ דערווייטערטער סימפּאַטיקער, ער האָט זיך געקענט איינשטעלן פאַר דער פּאַרטיי שריפטלעך אָדער בלויז אויסדריקן מיינונגען בעל פה, אָבער ער האָט געמוזט האָבן עפּעס אַן אידעאָלאָגיש פּנים. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם פּלאַץ וואָס די אידעאָלאָגישע שטעלונג האָט פאַרנומען אין דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער געזעלשאַפט.

די באַדינגונגען אויף יענער זייט ים זיינען געווען אַזעלכע, אַז עס האָט ניט אָפּגעלאָזן דאָס געפיל און די איבערצייגונג, אַז יידן און יידישקייט זיינען פּראָבלעמען וואָס פאָדערן ענטפערס. סיי די אַרומיקע לאַגע, סיי די אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציע פון יידישען לעבן האָט פאַרשאַרפט דעם דאָזיקן צוגאַנג. אַפילו די וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט דעם יצר הרע פאַר באַוועגונגען, פאַרטייען און געזעלשאַפטלעכן גערודער האָבן זיך גאַנץ שווערלעך געקענט אויסשליסן פונעם ריטואַל, אַקטיוון אָדער פּאַסיוון, צו דינען צו אַ נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער אָדער עפּעס אַן אַנדערער צוקונפט־וויזיע.

ווען שאַצקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1922 איז ער געווען אין גאַנצן אויסגעטײלט פונעם דאָזיקן שטראָם. סיי צוליב זײַנע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, סיי צוליב די באַדינגונגען וואָס אין זיי האָט זיך אויסגעלייגט זיין לעבן אין די יאָרן ווען אַ כאַראַק־טער פאָרמירט זיך, איז ער געגאַנגען אויף אַן אַנדער וועג ווי דאָס רוב פון זיין דור וואָס מיט זיי האָט ער זיך שפּעטער באַ־געגנט און געאַרבעט צוזאַמען דאָס גאַנצע לעבן. אין אַמאָליקע יאָרן — ווען ער איז שוין געווען אַן אינטענסיווער שרייבער, און דורכאויס אויף יידישע טעמעס — האָב איך אָפט געהערט אים כאַראַקטעריזירן ווי אַ פרעמדן, אַ דערווייטערטן. וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, אַלץ מער פאַלט מיר איין, אַז דאָס וואָס ער איז ניט געווען אידעאָלאָגיש אידענטיפיצירט, ספּעציעל אין יידישן דענקען, דאָס איז מסתמא געווען די סיבה וואָס האָט געפירט צו אַזאַ איינדרוק. מיר זיינען פשוט ניט געווען צוגעוואוינט צו אַזאַ דרך אין אַ לעבן פון אַ יידישן געלערנטן אין אונדזער סביבה.

און מערקווערדיק, אים איז צוגעשריבן געוואָרן אַן איינדרוק פון אַ דערווייטערטן גראָד ווען ער איז אַלץ מער און מער געוואַקסן ווי דער היסטאָריקער פונעם יידישסטן ישוב אין דער וועלט, פון פוילישן יידנטום. ער האָט זיך ניט אידענטיפיצירט מיט קיין געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען, אָבער ער האָט אַרויסגע־וויזן אַן אומגעשטילטן דאָרשט צו נישטערן און געפינען די פאַקטן פון רעקאָרדירטן יידישן לעבן. עס האָט געמעגט זיין געשיכטע, ליטעראַטור, טעאַטער, דערציאונג, אַלץ וואָס האָט זיך וואו ניט איז, ווען ניט איז רעגיסטרירט, אָדער געלאָזט קענטיקע סימנים פון אַ געלעבט לעבן, אָט דאָס אַלץ האָט אין אים געוועקט אַ תאווהדיקן נייגער, אָבער שוין דאָס אַליין וואָס אים האָט מער געצויגן דער פאַרבאַהאַלטענער פאַקט ווי דער אָפענער סך־הכל, שוין דאָס האָט אים געגעבן דעם אָנבליק פון אַן אַנדערן אין דער אידעאָלאָגיע־דורכגעדרונגענער וועלט וואָס האָט אונדז אַלעמען גענערט און דערצויגן.

אויפן פערטן יאָר פון זיין לעבן אין אַמעריקע איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געעפנט פאַר אים אַ נייעם וועג און ער האָט דערזען אַ ליכט, וואָס האָט אים געפירט ביז זיין לעצטן טאָג.

דאָס איז געווען אין 1925, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע. ניט בלויז האָט ער זיך מיטן גאַנצן האַרצן צוגעבונדן צום ייוואָ נאָר פון אַלץ וואָס ער האָט שפּעטער געטאָן פאַרן ייוואָ קען גאָרניט קיין ספק זיין, אַז דער אינסטיטוט האָט אויסגעפילט אין זיין לעבן אַ געשפּירטן חלל און דאָס האָט אים געגעבן כוח און באַגייסטערונג פאַר אַ סך אַרבעט און באַנייטער איניציאַטיוו.

אין פּוילן — אַפילו אין אַמעריקע, ביי די אַלע וואָס האָבן געאָטעמט מיט דער לופט פון יענער זייט ים — איז אויך דער ייוואָ, פּונקט ווי יעדע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג, געווען אַ ריכטונג, אַן אידעאָלאָגיע, וואו וויסנשאַפט איז בלויז געווען אַ מיטל צו דערגרייכען אַן אַלגעמיינעם יידישן קולטור־ציל. אָבער ביי שאַצקין איז דער וויסנשאַפטלעכער פּראָצעס, דאָס אויסגראָבן און זיך דערגראָבן צו פאַקטן, געווען דער העכסטער ציל פאַר זיך אַליין. ממילא האָט ער דערזען אין דער עקזיסטענץ פון ייוואָ, אַז אין יידישן פעלד גופא, דאָרט וואו זיין שרייבן האָט אים אַלץ מער פאַרוואָרצלט, איז אויסגעוואַקסן אַן אָרגאַניזירטער כוח, וואָס וויל מיט געזעלשאַפטלעכער הילף דורכפירן די אַרבעט פון אַ מין יידישער אַרכעאָלאָגיע, אויסגראָבן פאַרשאָטענע שיכטן פון יידישן לעבן, אַן אַרבעט וואָס איז אים געווען אַזוי טייער. דער ייוואָ האָט זיך אַנטוויקלט אין עפּעס וואָס האָט באַקומען אַלע סימנים פון אַ באַוועגונג, און שאַצקי איז, אָן ספּעציעלער כוונה געוואָרן צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן נישט בלויז אַ מיטגליד נאָר אַ פירער, אַן אימפּעטיק אַקטיווער און באַגייסטער־טער פירער פון אַ יידישער באַוועגונג. דאָס האָט אים דערנענטערט צום כאַראַקטער פון דער וועלט וואָס אין איר האָט ער געלעבט; דאָס האָט אים אויך צוגעגעבן אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכע וואַרעמ־קייט, וואָס איז ביז דעמאָלט אים געווען ניט צו אינטים באַקאַנט.

זיין צוגאַנג צו דער ראָלע פון יידיש אין דער אַרבעט פון ייוואָ איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. ער האָט עס אויס־געדריקט מיט פולער שאַרפקייט ביי עטלעכע עפנטלעכע געלעגנ־הייטן. ווען דער ייוואָ אין ווילנע, האָט ער באַמערקט, וואָלט אַרויסגעגעבן זיינע ווערק אין פּויליש וואָלט דער שרייבער,

אַנשטאָט צו זיין אַן אָביעקטיווער פאָרשער, געוואָרן אַ יידישער מליץ יושר. עס וואָלט אַרויסגעקומען נישט קיין ערלעכע פאַקטאָ־גראַפיע נאָר צוגעפּאַרבטע אַפּאָלאָגעטיק. אַזוי — האָט ער אָפּט איבערגעחזרט — זעט טאַקע אויס דאָס וואָס מען שרייבט וועגן יידן אין פרעמדע שפּראַכן. אָבער אין יידיש, וואָס בלויז יידן לייענען, איז די מורא ניטאָ. די דאָזיקע געדאַנקען, דער עיקר וועגן דעם אופן ווי מען שרייבט וועגן יידן אין דער פאָרשע־רישער ליטעראַטור פון ניט־יידישע שפּראַכן, האָבן ניט אַרויס־גערופן קיין פולע הסכמה ביי די וואָס האָבן אים געהערט. אָבער כדי אים בעסער צו פאַרשטיין דאַרף מען אונטערשטרייכן זיין שנאה צו אַפּאָלאָגעטיק. ווען ער האָט דערזען אין ייוואָ אָביעק־טיווע וויסנשאַפטלעכע כוונות, אַ פאַרלאַנג ניט צו זיין ראָמאַנטיש איינזייטיק וועגן יידן, נאָר קודם כל זיך צו דערגראָבן צום אמת, אַפילו ווען ער טראָגט אויף זיך שוואַרצע פלעקן, דאָס האָט אים צוגעצויגן צום אינסטיטוט מיט אַ כוח ניט אָפּצורייסן. זינט דער גרינדונג פון ייוואָ איז אַריינגעטראָטן אין שאַצקיס לעבן אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכע איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט אין זיך געטראָגן אַלע קאָלירן פון אידעאַלער פרומקייט.

אין די 14 יאָר וואָס דער ייוואָ איז געווען אין ווילנע איז שאַצקי, פון דער ווייטנס, געווען זיין מיטאַרבעטער, זיין חסיד, אַפילו זיין ציגלטראָגער אויף פאַרשיידענע אופנים. צווישן די בויער פונעם ייוואָ־אָפּטייל אין ניו־יאָרק איז ער געווען דער רירעוודיקסטער, דער אַקטיווסטער. ער האָט זיך באַמיט צו קריגן פּאַסיקע אַרבעט פאַר די ייוואָ־אויסגאַבעס, דאָקומענטן און ביכער צו שיקן פאַרן אַרכיוו אין ווילנע און אין דער ביבליאָטעק און כסדר געזאָרגט צו שאַפן נייע מיטגלידער צו העלפן פאַרלייכטערן דעם פינאַנציעלן עול פון צענטער. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין שמץ פון די פאָרמעלע מאַניעריזמען און דעם אַריסטאָקראַטישן צוגאַנג צו זיך וואָס אַרבעט זיך אויס געוויינטלעך ביי מענטשן פון אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ייוואָ האָט זיך עס אָנגעהויבן ביים אים מיט שרייבן אַר־טיקלען און ביכער, זיך פאַרענדיקט מיט שווער פאַלנדיקע שליחותן אַרומצובאַדערן אַרום עמעצן כדי אַרויסצוקריגן אַ ביישטייערונג

פאַר דער אָרגאַניזאַציע, און צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען האָט ער זיך פאַרנומען מיט הונדערטער קלייניקייטן, אַוועקגעגעבן שעהן, טעג, און נאָך מער, אַלץ אָן שום געדאַנק וועגן עפּעס אַ פינאַנציעלער באַלוינונג פאַר זיך. דאָס, לאָמיר געדענקען, האָט ער געטאָן אין אַ צייט ווען זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען זייער, זייער אַ שווערע.

צווישן די אָנפירער פון היגן אָפּטייל פון ייוואָ זיינען פאָרגעקומען זייער אָפטע וויכוחים וועגן די מאַטעריאַלן וואָס מען קלייבט דאָ צונויף און מען שיקט קיין ווילנע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטען, אַז דאָס איז אַן עוולה; אַז אַמעריקע איז אַ ריזיקער און וואַקסנדיקער ישוב, ממילא דאַרפן מיר אויך אַליין זיך ניט באַרויבן פון דער מעגלעכקייט אויסצופאָרשן יידיש לעבן; בפרט נאָך ווען אַזעלכע אוצרות זיינען זיכערער אין אַמעריקע ווי אין ווילנע. פאַרשטייט זיך, אַז אויב מען דאַרף זאַמלען ליטעראַטור און דאָקומענטן פאַר זיך אַליין, דאַרף מען שוין אויך לאָזן פאַר זיך גענוג געלט אויף וואַקסנדיקע הוצאות און ניט שיקן אַלע אונדזערע הכנסות קיין ווילנע.

אויסגעפירט האָבן בדרך כלל די קעגנער פון אַזאַ פּלאַן. אמת, אַלע האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק, אַז דער אַמעריקאַנער אָפּטייל זאָל אַרויסגעבן עפּעס אייגנס, אָבער די אָריענטאַציע דאַרף זיין אויפן צענטער, ווילנע, און אַז מיר אַלע דאַרפן צוגעבן מוט און כוח אונדזער צענטער אין ווילנע, אַז ער זאָל טאַקע באמת זיין אַ צענטער. שאַצקי האָט זיך תמיד איינגעשטעלט פאַרן דאָזיקן צד און מיט זיינע פּערזענלעכע שיקונגען נאָך מער אונטערגעשטראָכן זיין לאָיאַליטעט צו ווילנע. אין זיין איבערגעגעבנקייט צו אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט ייוואָ האָט ער זיך תמיד געשטעלט די גרעסטע פאָדערונגען און זיי אַלע מאָל דורכגעפירט בשלמות.

ווען אַמעריקע איז געוואָרן דער ייוואָ־צענטער, אין 1940, איז שאַצקי דעמאָלט שוין געווען דער ביבליאָטעקאַר פון פּסיכיאַטרישן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. אָבער זיין ענערגישקייט און זיין געטריי־שאַפט צום ייוואָ האָט מעגלעך געמאַכט ער זאָל נאָך אַלץ געפינען גענוג צייט צו זיין פאַרטראָטן אין פאַרשיידענע קאָמיסיעס, איינסטאַנצן און נעמען אויף זיך צענדליקער התחייבותן וואָס דער

גאַנג פון דער אַרבעט האָט געפּאָדערט. ביים נעמען אויף זיך אַרבעטן, פונקציעס האָט ער צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אינעם אופן אויף וועלכן ער האָט עס געטאָן. ער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ פּריוויליקייט, מיט אַזאַ: „גוט, א י ך וועל עס טאָן", אַז עס האָט אָפּגענומען דאָס לשון ביי אַנדערע וואָס האָבן אַזאַ גרייטקייט ניט געקענט אַרויסווייזן.

זיין גרעסטער צושטייער איז נאַטירלעך געווען זיין פאָרשע־רישע אַרבעט. עס איז געגוג באַקאַנט, אַז ער איז געווען צווישן די פּראָדוקטיווסטע שרייבער וואָס מיר פאַרמאָגן. געטריבן פון זיין גרויסער ערודיציע און זיין עקסטראָווערטישער נאַטור האָט ער ממש נישט געקענט זעטיקן זיין דאָרשט זיך אויסצודריקן סיי בעל פּה, סיי בכתב. פאַרן ייוואָ איז דאָס געווען אַ געווינס, וואָס דר. שאַצקיס שותּפים אין אינסטיטוט האָבן קיין מאָל ניט פאַרפעלט אָפּצושאַצן. אין די צוויי בענד ייוואָ־ביבליאָגראַפיע וואָס זיינען אַרויס פון ייוואָ אין ניו־יאָרק ווערן פאַרצייכנט אַלע אויסגאַבעס און אַלע שרייבער וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט פון 1925 ביז 1950. ביים נאָמען שאַצקי יעקב, גע־פינען מיר 240 נומערן. אין דער דאָזיקער עשירות שטייגט ער אַריבער אַלע אַנדערע פון דער רשימה. ווען מען דערמאָנט זיך וויפל ביכער און וויפל הונדערטער אַרטיקלען ער האָט אין משך פון די דאָזיקע 26 יאָר פאַרעפנטלעכט אין אַנדערע פּובליקאַציעס ווערט מען ממש פאַרחידושט פון זיין פּראָדוקטיווקייט בעת ער איז נאָך, אין צוגאָב צו דעם, געווען פאַרנומען אין זיין ביבליאָ־טעק אַרום צוויי דריטל פון דער זעלביקער צייט.

עפּעס ענלעכעס קען געזאָגט ווערן וועגן דעם פאַרנעם פון זיינע טעמעס. אין די ייוואָ־אויסגאַבעס אַליין איז דער דאָזיקער פאַרנעם ברייט געגוג. אונטער געשיכטע נעמט ער אַרום אַלגע־מיינע געשיכטע, טעאַטער־געשיכטע, בילדונג־געשיכטע, ליטעראַ־טור־געשיכטע. זיינע אינטערעסן שליסן זיך ניט אין אַ קרייז נאָר ציען זיך אַוועק אין אַ לאַנגער, גלייכער ליניע. ווען מען גיט נאָך צו דעם צו די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן אין אַנדערע אויסגאַבעס, ווערט נאָך לענגער די ליניע און גרעסער דער פאַר־נעם פון זיינע אינטערעסן.

זיין פּראָדוקטיוויקייט ווי אַ רעצענזעט וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, ספּעציעל אין די ייוואָ־בלעטער. די צאָל ביכער וואָס גייען אַרויס איז ביי אונדז תמיד געווען גרעסער ווי די צאָל קאָמפּעטענטע בעלנים וואָס זאָלן זיין וויליק צו שרייבן וועגן זיי. האָט די רעדאַקציע פון ייוואָ־בלעטער תמיד געהאַט שוועריקייטן צו געפינען די פּאַסיקע מענטשן, וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען צו רעצענזירן די צוגעשיקטע ביכער. אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע ייוואָ־אויפגאַבעס, האָט שאַצקי אויף אַ באַזונדער דאַנקבאַרן אופן אונדז געראַטעוועט פון שוועריקייטן. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך בולטער נאָך דער מלחמה, ווען דער חורבן האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט אַזוי פיל יזכור־ביכער. שאַצקיס דאָרשט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן ביכער, פּונקט ווי זיך אויסצודריקן וועגן היסטאָרישע געשעענישן, און זיין מערקווער־דיקער זכרון צו געדענקען אַלץ וואָס ער האָט געלייענט, האָט געפירט צו דעם, אַז ער האָט געקענט אָנשרייבן רעצענזיעס אויף צענדליקער ביכער, און נאָך מער, אין משך פון זייער אַ קורצער צייט. דער עיקר איז וואָס מען האָט זיך ביי אים ניט געדאַרפט בעטן דאָס צו טאָן; ער האָט דאָס אונטערגענומען אַפילו ניט אָנזאָגנדיק פריער אַז ער גרייט זיך עס צו טאָן. ער פלעגט ממש פאַרחידושן מיט דעם אופן ווי ער פלעגט טאָן די דאָזיקע אַרבעט און די שנעלקייט אין לייענען און אין שרייבן וואָס ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן.

מיט זיינע אָביעקטיוו־פאָרשערישע אויפגאַבעס איז דער ייוואָ געוואָרן שאַצקיס אידעאַל, פּאַרטיי, באַוועגונג, אַפילו אינטימער אינטערעסן־קרייז. דאָס האָט געווירקט אַז ער — וואָס איז לכתחילה געווען אַ ביסל זייטיק — איז געוואָרן אַלץ נענטער, אַן אַריינגעוואַקסענער אין צענטער פון אונדזער קולטור־וועלט. דאָס האָט אויך צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס סיי אין זיין שרייבן, סיי אין זיינע רעפעראַטן האָט ער זיך באַמיט צו קייטלען גע־שעענישן מיט אַ פליסיקער דערציילערישקייט, וואָס דאָס האָט ניט בלויז פאַראינטערעסירט, נאָר אויך געוואַרעמט. דאָס בינדט זיך אויך מיט זיין הנאה צו זוכן דאָס דראַמאַטישע אין די גע־שעענישן און, ווי אַ פּועל יוצא דערפון, אַרויסצוגראָבן דעטאַלן

וואָס אין זיי לאָזן זיך אָפּט געפינען די דראַמאַטישע מאָמענטן פון היסטאָרישן לעבן. אין זיין קרוין־ווערק געשיכטע פון יידן אין וואַרשע קען מען בולטער זען זיינע גרויסע דערגרייכונגען פון אויסגראָבן קליינע פּרטים.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שאַצקין, אַז זיין בוך שפּינאָזאַ און זיין סביבה (1927) הייבט זיך אָן מיט אַ מאָטאָ, אַ פערז פון אַן ענגלישן פּאָעט:

I don't pretend to paint the vast
And complex picture of the past;
For detail, detail I must care
Ce superflui, ci necessaire.

(Aust Dobson)

דעטאַלן, פּרטים, אַזוי האָט ער אויפגעבויט אַן אימפּאָזאַנטן און פאַרבלייבנדיקן בנין. האָט דער גורל אָנגעצייכנט, אַז אין מיטן פון אַ רייך און פּרוכפּערדיק לעבן, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס גרעסטע ווערק זיינס, זאָל אויף אונדז פאַלן די טרויעריקע באַשערטקייט צו מאַכן דעם לעצטן, דעם ענדגילטיקן סך־הכל פון אים אַליין. ווי שווער דאָס איז אַריבער־צוטראָגן אין שווערע צייטן.

Leibush Lehrer

SHATZKY — THE MAN AND HIS MILIEU

When Dr. Jacob Shatzky appeared on the Jewish intellectual scene, he made an impression of an outsider, because he had not identified himself with any of the prevalent Jewish ideologies of his day. But with the rise of the YIVO Institute for Jewish Research, with which Shatzky enthusiastically associated himself, a change took place.

YIVO, because of the conditions of its existence, has assumed the character of a social movement, and Shatzky became an outstanding leader of the movement for objective research in Jewish life. His contribution as historian and scholar was so great that his untimely death is a severe blow to Jewish cultural endeavor.

פיליפּ פרידמאַן

דער היסטאָריקער פון פּויליִשן יידנטום

ד״ר יעקב שאַצקי איז געווען אַ מענטש מיט פּילוייטיקע פאַר־אינטערעסירונגען, מיט אַן אומבאַשרענקטן דאָרשט נאָך וויסן און מיט אַ דינאַמישער ליידנשאַפט פון אַ פאָרשער און זאַמלער וואָס יאָגט זיך כסדר נאָך נייע אינהאַלטן, נייע אַנטדעקונגען, נייע פאַקטן און מאַטעריאַלן. ער פלעגט ממש פאַרשלינגען ביכער און זיין פענאָמענאַלער זכרון האָט פאַרנאָטירט אַן אומגלויבלעכע שפע פון וויסן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. ווי אַ היסטאָריקער איז ער געווען פּראָדוקטיוו נישט נאָר אויפן געביט פון מזרח־אייראָפּעאישער יידישער געשיכטע, נאָר אויך געפאָרשט און פאַרעפנט־לעכט אַרבעטן וועגן טשעכיש־יידישער געשיכטע, וועגן יידן אין האָלאַנד, איטאַליע און אַנדערע מערב־לענדער, וועגן יידישע ישובים אין דרום־ און צפון־אַמעריקע. זיינע פאַראינטערעסירונגען האָבן זיך אָבער נישט באַגרענעצט צום געביט פון געשיכטע. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל שטודיעס וועגן יידישן טעאַטער, יידישער פּרעסע, ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע און ביבליאָטעק־וועזן, יידן אין דער מוזיק און אין דער מעדיצין, אַרבעטן אויפן געביט פון פאָלקלאָר, יידישער שפּראַך־פאָרשונג, פּסיכאָלאָגיע, פּסיכיאַטריע און פילאָזאָפיע (בפרט וועגן שפּינאָזאַ). פאַרשטייט זיך, אַז אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל איז נישט מעגלעך צו באַהאַנדלען אַט די אַלע פּילוייטיקע אויפטוען פון יעקב שאַצקין ז״ל. אַזאַ איבערבליק וואָלט איבעריקנס געדאַרפט באַאַרבעט ווערן פון עטלעכע ספּעציאַליסטן, מומחים אין יעדן איינעם פון די דאָזיקע פאָרש־געביטן. מיר וועלן זיך דעריבער

אָפּשטעלן בלויז אויף איין געביט פון שאַצקיס וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, אויף אַ געביט וואו ער האָט געשאַפן זיינע וויכטיקסטע און גרעסטע ווערק, די פּויליש־יידישע היסטאָריאָגראַפיע, אָדער געַנוי געַרעדט, געשיכטע פון יידן אין פּוילן, ליטע און אוקראַינע.

נישט געקוקט אויף אַלע אַנדערע זיינע פאַראינטערעסירונגען און דערגרייכונגען, איז די געשיכטע פון פּוילישע יידן געווען דער רוקנביין פון זיין גאַנצער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. מיט איר הייבט ער אָן זיין וויסנשאַפטלעכע קאַריערע אין די יאָרן האַרט פאַר און במשך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מיט איר שליסט זיך זיין רייך און פּראָדוקטיוו לעבן, מיטן נאָך נישט פאַרענדיקטן מאָנומענטאַלן ווערק געשיכטע פון יידן אין וואַרשע. אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, ווי שאַצקיס בראשיתדיקע אַרבעטן אויף דעם געביט זיינען געווען פאַרוואָרצלט אין זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַ־מענט און אין די שטורמישע געשיכטלעכע פאַסירונגען פון דער מערקווירדיקער היסטאָרישער תקופה אין וועלכער דער יונגער און שטאַרק עמאָציאָנעלער בחור האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט ווי אַ יידישער היסטאָריקער. ס'איז געווען די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער שטראָם פון פּאַטריאָטישן ענטו־זיאַזם פאַר פּוילנס פרייהייט־קאַמף וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אַקאַדעמישע יוגנט, בתוכם אויך אַ צאָל יידישע סטודענטן, אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן האָט מיטגעריסן שאַצקין. אַ קורצער און ווייניק באַדייטנדיקער רעזולטאַט פון אָט דער באַווירקונג איז געווען דער עפּיזאָד פון זיין מיליטער־דינסט אין די פּוילישע לעגיאָנען: אַ לאַנגדויערנדיקער און טיפערער פּועל־יוצא פון אָט דער איבערלעבעניש איז געווען זיין אינטערעס אויסצופאָרשן די יידישע באַטייליקונג אין די פּוילישע מיליטערישע און רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען. שאַצקיס ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַר־בעטן באַהאַנדלען דעם חלק פון די יידן אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, אין דעם אויפשטאַנד פון קאָסציושקאָ, אין די פּוילישע רעוואָלוציעס פון 1831 און 1863, און דעם פאַרזוך פון אַדאַם מיצקעוויטש צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן אין דער צייט פון דער קרים־מלחמה. ער האָט די דאָזיקע טעמאַטיק נישט פאַרגעסן אויך

אין די שפּעטערדיקע, רייפערע יאָרן, ווי מיר וועלן נאָך זען ווייטער.

בכלל האָט שאַצקין געצויגן צו טעמעס אָנגעלאָדענע מיט דראַמאַטיש־קייט און רעוואָלוציאָנערע שפּאַנונגען. אין די 30־קער יאָרן האָט ער זיך אונטערגענומען צו שרייבן אַן אַריינפיר און קאָמענטאַר צו דער באַקאַנטער כראָניק וועגן די קאָזאַקישע גזרות ת"ח ות"ט פון נתן נטע האַנאָווער. פון דעם אַריינפיר איז געוואָרן אַ גרעסערע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג וואו שאַצקי איז אַרויס מיט נייע, געוואַגטע און אָריגינעלע היסטאָרישע אינטערפּרעטאַציעס. די סאָציאַלע געשיכט־פילאָזאָפיע וואָס שאַצקי האָט דאָרט אַנטוויקלט האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע און ביטערע קריטיק. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פּסקנען ווער איז געווען גערעכט אין דער דאָזיקער ליידנשאַפטלעכער פּאָלעמיק. וויכטיק איז אָבער צו פאַרצייכענען, אַז שאַצקי האָט דעמאָלט, פּונקט ווי אין עטלעכע אַנדערע ענלעכע פאַלן, אַרויסגעוויזן מוט אַרויסצוקומען מיט זייער נישט פּאָפּולערע, אָפט דראַסטישע טעאָריעס און האָט מיט זיין פרישן, צום טייל אָפּילו אַגרעסיוון צוגאַנג צו געוויסע פּראָבלעמען סטימולירט די יידישע וויסנשאַפט צו רעוויזיעס און דיסקוסיעס, נישט געלאָזט אַז דער פאָרשערישער גייסט זאָל איינגעגליווערט ווערן אין אויסגעטראָטענע וועגן און טראַדיציעס, געצוואונגען און אַרויסגעפּאָדערט אָפּאָזיציע, קריטיק און אמתע מלחמה אויפן וויסנשאַפטלעכן פראָנט, אַן עניין וואָס, געזען אין אַ לענגערן פּערספּעקטיוו, מוז סוף־כל־סוף ברענגען נוצן און באַפרוכפּערן דעם פרייען אינטעלעקטועלן אויסטויש פון געדאַנקען.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן באַזונדער אויף יעדע פון שאַצקיס צושטייערן צו דער פּויליש־יידישער געשיכטע. מיר וועלן אויסרעכענען אייניקע פון זיי ווי צ"ב די גרויסע היסטאָרישע שטודיע יידישע בילדונג־פּאָליטיק אין פּוילן אין די יאָרן 1806־1866, די געשיכטע פון יידן אין פּוילן אין די יאָרן 1772־1914, דעם באַנד געזאַמלטע עסייען אונטער דעם טיטל אין שאָטן פון עבר, דעם רינגעלבלום־בוך קאַפּיטלעך געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן וואָס שאַצקי האָט רעדאַקטירט און צוגעגעבן אַן אויספירלעכן ביאָ־ביבליאָגראַפישן אַריינפיר וועגן דעם היסטאָ־

ריקער־מאַרטירער. איך וועל זיך אָפּשטעלן בקיצור אויף צוויי ווערק: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע און געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע צוליב געוויסע שטריכן וואָס כאַראַקטע־ריזירן שאַצקיס אַרבעטס־מעטאָד און זיין געשיכט־פילאָזאָפיע.

די דרייבענדיקע געשיכטע פון יידן אין וואַרשע איז שאַצקיס רייפסטע היסטאָרישע אַרבעט. אַחוץ מאיר באַלאַבאַנס נישט פאַר־ענדיקטע געשיכטע פון די יידן אין קראָקע און דעם זעלבן מחברס לעמבערגער יידן אויפן ווענדפונקט פון 16־טן און 17־טן י״ה פאַרמאָגן מיר נישט אין דער מזרח־אייראָפּעאישער היסטאָריאָ־גראַפיע קיין שום אַנדערע קהילה־מאָנאָגראַפיע פון אַזאַ פאַרנעם און קאַליבער ווי שאַצקיס וואַרשע. די דריי ערשטע בענד נעמען אַרום די תקופה ביז 1896. מיט רעכט האָט שאַצקי אָנגעוויזן, אַז זיין ווערק איז נישט גלאַט אַ לאָקאַלע קהילה־מאָנאָגראַפיע. אין וואַרשע האָבן זיך קאָנצענטרירט, זינט סוף 18־טן י״ה, די פעדים פון דעם יידישן לעבן אין גאַנץ פוילן (הערצאָגטום וואַרשע, שפּעטער קאָנגרעס־פוילן). ווי אין אַ גוט אויסגעפאָרמירטן נערוון־סיסטעם האָבן זיך צעטראָגן פון דאָרטן, פון וואַרשע, פון דעם מוח, די אימפּולסן איבער אַלע אברים פונעם יידישן געזעלשאַפט־לעכן אָרגאַניזם איבער גאַנץ פוילן. די קאַפּיטלעך וואָס באַהאַנד־לען די פּאָליטישע געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן, די דיס־קוסיעס וועגן יידן־רעפאָרם אין פּוילישן סיים סוף 18־טן י״ה, דער קאָסציושקאָ־אויפשטאַנד, די רעוואָלוציעס אין 1831 און 1863, די אַזוי גערופענע פּויליש־יידישע מלחמה פון 1859, די פאַרהאַנדלונגען פון די וואַרשעווער קהילה־פאָרשטייער מיט דער רוסישער מאַכט, שפּיגלען אָפּ וויכטיקע היסטאָרישע פּראָצעסן נישט נאָר אין לעבן פון וואַרשע, נאָר פון פּוילישע יידן בכלל. דאָס זעלבע איז אויך נוגע דער באַשרייבונג פון די אינערלעכע קאַמפן אין דער וואַרשעווער יידישער קהילה, די קאָנפליקטן צווישן דער קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסישער אָליגאַרכיע אין דער ניי־אויפקומענדיקער אָנפירערשאַפט פון דער דינאַמישער חסי־דישער פאָלקסמאַסע, אָדער די ניי־אויפגעקומענע יידישע בורזשואַ־זיע און באַרופלעכע אינטעליגענץ מיט אירע אַסימילאַטאָרישע

אָריענטאַציעס און אירע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַמ־ביציעס.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער אופן ווי שאַצקי באַהאַנדלט די קולטור־געשיכטלעכע אַספּעקטן אין די ביידע ווערק. שאַצקי האָט אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקן מעטאָד צו באַהאַנדלען די ליטעראַטור־ און קולטור־געשיכטע פון דער תקופה. ער גייט אַוועק פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג און פאַרנעמט זיך כמעט נישט אין גאַנצן מיט די גרויסע נעמען פון דער השכלה־ליטע־ראַטור, וואָס זייער שאַפונג און לעבן איז שוין אויסשעפּעוודיק באַהאַנדלט געוואָרן אין פאַרשיידענע ווערק. דערפאַר אָבער פאַר־נעמט ער זיך באַריכות מיט די סטאַטיסטן פון דער ליטעראַרישער יועלט, מיט די פאַרגעסענע, אָדער ווייניק באַקאַנטע מחברים פון די־יטראַנגיקע חיבורים, פּאָפּולערע פאָלקסביכער און די א״ג קיכן־ראָמאַנען, מיט די מחברים פון אַ חסידיש ספרל, אַ מעשה־ביכעלע, אַ לוחעלע, אַ סידורל, די ספרי רומ״ל בכלל. ער מאַכט אַ סאָציאָלאָגישע אויספאָרשונג פון דעם מין סוב־ליטעראַטור, אָדער ווי ער רופט עס אָן (לויט מיין מיינונג נישט ריכטיק) גאַסן־ליטעראַטור, וואָס האָט נישט זוכה געווען אַריינגענומען צו ווערן אין דעם פּאַנטעאָן פון דער אָפיציעלער ליטעראַטור־געשיכטע, אָבער וואָס האָט פונדעסטוועגן געהאַט אַ ברייטע צירקולאַציע און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין קולטור־לעבן פון די פאָלקס־מאַסן. און נישט נאָר די ליטעראַרישע טעמאַטיק באַהאַנדלט שאַצקי, ער אונטערזוכט אויך אויספירלעך די פּראָפעסיאָנעלע פּראָבלעמען פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער פּראָדוקציע, די וועגן און מעטאָדן ווי צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אַ בוך, צו קריגן מנדבים, מעצענאַטן און אַבאָנענטן. אויך ביים שילדערן די פאַר־ווײַלונגען פון דער פאָלקסמאַסע גייט שאַצקי אַראָפּ פון דעם אָנגענומענעם דרך. ער באַנוגנט זיך נישט מיט שילדערן די לעגיטימע טעאַטער־קונסט און חזנות, נאָר ער גייט נאָך די פאַר־ווישטע שפּורן און רעקאָנסטרואירט די כל המינים פאָלקסטימליכע „אומליטעראַרישע״ פאַרווײַלונגען, די גאַסן־שפּילן, די הויף־זינ־גער, די אַמאַטאָרישע, אימפּראָוויזירטע, האַלב־רויע פאָרמען פון פּרימיטיווע פאָלקס־פאַרווײַלונגען. אָט דאָס איז אַ בולטער שטריך

אין שאַצקיס היסטאָרישער שטה — דאָס שטרעבן אַרויסצוברענגען דעם פאָלקסמענטש, נישט נאָר די שפּיצן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ער פלעגט אָפט באַמערקן, אַז ער וויל אין זיינע ווערק שילדערן נישט די שבתים און יום־טובים פון יידישן עבר, נאָר די וואָכעדיקע טעג, נישט בלויז די סאָציאַלע אויבער־שטע שיכטן, נאָר דעם פּראָסטן עמך, דעם ייד פון אַ גאַנץ יאָר. ער פלעגט באַצייכענען די דאָזיקע שטה זיינע ווי היסטאָרישן רעאַליזם אין קעגנזאַץ צום היסטאָרישן אידעאַליזם און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

אַ מערקווירדיקער צושטייער צו דער יידישער וויסנשאַפט זיינען שאַצקיס רעצענזיעס. נאָך איז נישט פאַראַן אַ פולשטענדיקע שאַצקי־ביבליאָגראַפיע. אַ ביבליאָגראַפיע פון זיינע געדרוקטע אַרבעטן צוזאַמענגעשטעלט אין יאָר 1939 ציילט 580 פּאָזיציעס און פון יענער צייט האָט שאַצקי פאַרעפנטלעכט אָן אַ שיעור נייע אַרבעטן. אויף יעדן פאַל וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז שאַצקי האָט אָנגעשריבן רעצענזיעס וועגן הונדערטער ביכער. ניט זעלטן זיינען די רעצענזיעס אויסגעוואַקסן צו זעלבשטענדיקע, אָריגינעלע אַרבעטן. לאָמיר ברענגען עטלעכע ביישפּילן: שאַצקי האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט די יזכור־ביכער, וואָס האָבן על־פּי־רוב באַהאַנדלט די געשיכטע פון די חרוב געוואָרענע מזרח־אייראָפּעאישע (פּוילישע) קהילות. אין 37־טן באַנד ייוואָ־בלעטער האָט ער געדרוקט אַן איבערבליק איבער 16 יזכור־ביכער, אויף 18 דרוקזייטן. אין אַ צווייטער רעצענזיע, אין 39־סטן באַנד ייוואָ־בלעטער באַהאַנדלט שאַצקי 11 יזכור־ביכער, אויף 21 זייטן. אין ערשטן באַנד היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ האָט שאַצקי פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע אויף ד״ר נ. מ. געלבערס בוך יידן אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863, אויף 45 זייטן, גרויסער דרוקפאָרמאַט. אין צווייטן באַנד היסטאָרישע שריפטן האָט ער רעצענזירט ד״ר יצחק שיפּערס יידן אין פּוילישן אויפ־שטאַנד פון 1831 אויף 34 זייטן. אָבער זיין אייגענעם רעקאָרד האָט שאַצקי געשלאָגן מיט דער רעצענזיע אויף פּראָפ׳ סאַלאָ באַראָנס די יידישע קהילה. די דאָזיקע רעצענזיע, געדרוקט אין

4 נומערן ייוואָ־בלעטער (1944), האַלט נישט מער און נישט ווייניקער ווי 73 זייטן, און ברענגט וויכטיקע נייע צושטייערן צו דער ביבליאָגראַפּיע און געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין פּוילן.

פון די אויבן דערמאָנטע ווערטער איז שוין צו זען ווי שטאַרק שאַצקיס אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיטן ייוואָ. נישט געווען כמעט קיין איין נומער פון די ייוואָ־בלעטער (וואו שאַצקי איז געווען מיטרעדאַקטאָר) אָדער פון ייוואָ־שריפטן וואו ער זאָל נישט זיין פאַרטראָטן מיט איין אַרבעט אָדער מערערע. דער ייוואָ האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צאָל פון זיינע גרעסערע ווערק ווי די גזרות ת״ח ות״ט, די יידן אין וואַרשע, די יידישע בילדונגס־פּאָליטיק א״אַ. שאַצקי איז געווען פון סאַמע אָנהייב אינטים פאַר־בונדן מיט דער אַרבעט פון ייוואָ. געניטעו״ וועגן דעם וואָס שאַצקי האָט געטאָן פאַרן ייוואָ ווערט דערציילט אין אַנדערע אַרטיקלען פונעם זאַמלבוך פון מחברים, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט שאַצקי אין ייוואָ פון סאַמע אָנהייב אָן, זינט 1925. כמעט ביז צו זיין לעצטער מינוט האָט זיין פּען געדינט דעם ייוואָ. איין טאָג פאַר זיין טויט האָט ער נאָך געשריבן אַ בריוו צום ייוואָ וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים פון די ייוואָ־בלעטער.

שאַצקיס פריצייטיק, אַ סך צו פריצייטיק אַוועקגיין איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער וויסנשאַפט, און נאָך מער אַ שמערצלעכע און פּיינלעכע אבדה פאַר זיין משפּחה, זיינע פריינט, חברים און מיטאַרבעטער און דעם גרויסן עולם פון זיינע לייענער, צוהערער, תלמידים און פאַרערער. ס׳וועט נישט לייכט זיין זיך צוגעוויינען צום געדאַנק אַז ער איז שוין מער נישטאָ מיט אונדז. ס׳וועט אונדז פעלן נישט בלויז דער מענטש, דער חבר, דער וויסנשאַפטלער. שאַצקי איז געווען אַן אינסטיטוציע אין יידישן קולטור־לעבן, מיט אַ סך אַגענדעס, אַן אָפּענער אַדרעס פאַר שאלות און תשובות אויף אַ סך געביטן. מיר קענען זיך בלויז טרייסטן מיט דער עובדה, אַז זיין רייכע ליטעראַרישע ירושה וועט בילדן אַ שטענדיק לעבעדיקע בריק צווישן אים, זיינע פאַריתומטע בני־דור און די קינפטיקע דורות.

Philip Friedman

THE HISTORIAN OF POLISH JEWRY

Shatzky was a man of encyclopedic knowledge. His interests ranged from history, philology and folklore to bibliography, literature, music, psychology and philosophy. But his foremost concern and his most creative activities were concentrated in the field of the history of the Jews in Poland, Lithuania and the Ukraine. He started his research in this field in the first and second decades of our century, with studies on Jewish participation in the Napoleonic campaign of 1812 and in the Polish revolutions of of 1794, 1831 and 1863. He later became interested in another dramatic episode of Jewish history in the Ukraine, the Cossack massacres of 1648-49. His approach to and interpretation of complex historical or social phenomena was unorthodox, novel and daring. The method employed in his chief work, the 3 volume. *History of the Jews of Warsaw,* and in other historical studies, was defined by Shatzky as historical realism, in contradistinction to historical materialism and to historical idealism. The crux of his method was the description and analysis of the daily life of the common people, instead of dwelling only on the highlights of historical events or on the outstanding celebrities of the epoch. Applied also in analyzing literary and cultural developments, this method led him to a sociologically penetrating analysis of "sub-literature"—popular and "yellow" literary production and artistic performance—rather than the study of the legitimate classics of literature and the theatre.

ישעיה טרונק

ד״ר שאַצקיס צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן אַרבעטער-קלאַס און זיינע פּאָליטישע באַוועגונגען

ד״ר יעקב שאַצקי איז געווען אַ פאָרשער מיט אַ שאַרפן חוש פאַר סאָציאַלער דינאַמיק אין דער געשיכטע. אין כמעט אַלע זיינע היסטאָרישע ווערק און קלענערע אַרבעטן איז זי, די סאָציאַלע דינאַמיק פון געזעלשאַפטלעכע כוחות, דער הויפּט-באַוועגער פון געשיכטלעכע פּראָצעסן.

שאַצקי איז אין זיין היסטאָריאָזאָפיע ניט געווען קיין אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיסט און קיין אָנהענגער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, ווי אַן אַלץ-דערקלערנדיקע היסטאָרישע שיטה. אָבער פאַקטיש אַרבעט ער אין פיל פון זיינע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען מיט דער מעטאָדע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. ער באַנוצט זיך אַפילו טייל מאָל מיט איר קלאַסישער טערמינאָלאָגיע.

אין זיין גרויסער אַרבעט די יידן אין פוילן פון 1772 ביז 1914 אינעם זאַמלבוך יידן אין פוילן (ניו-יאָרק, 1946) שרייבט ער: „אויפן פאָן פון שנעלוואַקסנדיקן יידישן גרויסקאַפּיטאַליסטישן קלאַס און שטאַרקן יידישן אינדוסטריעלן און סוחרישן עלעמענט — בליט זיך פונאַנדער די אידעאָלאָגישע איבערקאָנסטרוקציע, וואָס האָט אויסגעדריקט די סאָציאַלע פילאָזאָפיעס פון די דאָזיקע גרופּעס״ (שפּ׳ 637).

גענוג אָפט דערקלערט ער פּאָליטישע שטעלונגען און אידייען פון קלאַסן און סאָציאַלע גרופּעס אין דער יידישער געזעלשאַפט מיט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן (זען, למשל, זיין סעריע אַרטיקלען „אידען אין די רעוואָלוציעס״ אין דער פריינד, 1925,

נומ׳ 8, 9 און 10). שאַצקי זוכט און געפינט דעם קלאַסן־קאַמף אין עלטערע תקופות פון יידישן עבר. אין זיין אַרטיקל „יוניאָנס און סטרייקן ביי יידן מיט 300 יאָר צוריק" (דער פריינד, מאַי, 1935) שילדערט ער דעם עקאָנאָמישן קאַמף צווישן יידישע שניי־דער און קליידער־פאַבריקאַנטן, וואָס זיינען געווען די גרינדער פון דער דאָזיקער אינדוסטריע אין מעהרן (פאַרלאַג־סיסטעם) אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן י"ה. דער מאָמענט פון קלאַסן־קאַמף פון גזירת ת"ח ות"ט קומט בולט צום אויסדרוק אין זיין גרויסן היסטאָריש־קריטישן אַריינפיר צו נתן נטע האַנאָווערס יון מצולה (ייוואָ, ווילנע, 1938).

שאַצקי האָט פון אָנפאַנג אָן אין אַלע זיינע היסטאָרישע אָפּ־האַנדלונגען און רעצענזיעס אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס פאַרן סאָציאַליזם בכלל און פאַר דער אַנטשטייאונג און אַנטוויק־לונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס בפרט. אין זיין רעצענזיע פון צווייטן באַנד פון דער רויטער פנקס (וואַרשע, 1924), דערשינען אין ניו־יאָרקער „וועקער" דעם 28־סטן פעברואַר 1925, שרייבט ער: „פון יאָר 1917 ביז סוף 1924 האָב איך פאַררעגיסטרירט איבער 200 אַרטיקלען, זכרונות און דאָקומענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג... ווייל עמעצער מוז עס פאַרט טאָן" (ספּעציפירט אין טעקסט). ער באַדויערט וואָס דער פנקס „באַמיט זיך נישט איינצופירן אַ סיסטעמאַטישע ביב־ליאָגראַפיע... איבער דער ליטעראַטור פון דער אידישער אַרבע־טער־באַוועגונג" (דאָרטן).

דער דאָזיקער אינטערעס צו דער געשיכטע פון יידישן אַרבע־טער־קלאַס און זיינע פּאָליטישע באַוועגונגען האָט ביי שאַצקין אָנגעהאַלטן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט געפונען זיין וויסנשאַפטלעכן אויסדרוק אין זיינע פילצאָליקע ווערק, אַרטיקלען און רעצענזיעס איבער דער געשיכטע פון יידן אין מזרח־אייראָפּע. עס איז נישטאָ כמעט קיין ווערק פון דעם דאָזיקן געביט, וואָס שאַצקי זאָל נישט האָבן רעצענזירט, און דערביי, אויף זיין שטייגער, אָנגעוויזן אויף נייע פאַקטן און מקורות.

פאַר שאַצקיס גרויסן אינטערעס צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם איז,

